אפֿן שפּראַכפֿראָנט נומ' 1 1937 (קיִעוו)
זז' 3-43

On the problem of the lexical standardization and regulation of literary Yiddish

ע. ספּיוואַק

# צו דער פּראָבלעם פֿון לעקסישער פֿאַרײנהײַטלעכונג און רעגולירונג אינעם ליטעראַרישן ייִדיש

1.

ייִדיש איז, ווי יעטווידע אַנדערע שפּראַך, אַ געשיכטלעכע קאַטעגאָריע. ייִדיש דאַרף, הייסט עס, גענומען און באַטראַכט ווערן אין זײַן דורכויסיקער אַנטוויקלונג און אין דער גאָרער פֿאַרבינדונג מיט די רעאַלע געשיכטלעכע פֿאַקטן און פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן באַדינגט די דאָזיקע אַנטוויקלונג.

ווי אין יעדער שפּראַך, גילט אויך אין ייִדיש אי דאָס דורכויס געמײנזאַמע, אי דאָס ספּעציפֿיש-אײגנטימלעכע.

וועגן דער געמײנזאַמקײַט און וועגן דער ספּעציפֿיק אין דער שפּראַך-אַנטוויקלונג האָבן מיר בײַ מאַרקסן אַזאַ באַהויפּטונג:

„...כאָטש די אַנטוויקלטסטע שפּראַכן האָבן געמײנזאַמע געזעצן און באַצײכענונגען מיט די אומאַנטוויקלטסטע, אָבער דער אונטערשייד פֿון אָט דעם אַלגעמײנעם און געמײנזאַמען איז גראָד דאָס, וואָס עס שאַפֿט זײער אַנטוויקלונג“ [1]).

די אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש האָט געשאַפֿן אין אים דאָס באַזונדערע אין דעם שפּראַך-פּראָצעס. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אַרויסגעשיידט די, געמײנזאַמען „געמײנזאַמע געזעצן“ אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַלע שפּראַכן.

ייִדישע שפּראַך צווישן אַנדערע שפּראַכן בײַ די „געמײנזאַמע געזעצן“ אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַלע שפּראַכן.

בײַ דער אויספֿאָרעמונג פֿון ייִדיש (ווי פֿון יעטווידער אַנדערער שפּראַך) האָבן געהאַלטן באַשטימטע געשיכטלעך-באַדינגטע געזעצמעסיקײַטן. די דאָזיקע געזעצמעסיקײַטן נעמען אַרום פֿאַרשיידענע דערשײַנונגען, וואָס דאַרפֿן קאָנקרעט-געשיכטלעך באַטראַכט און אַנאַליזירט ווערן.

דאָ וועלן מיר צוערשט באַרירן אײנע אַזאַ גרונטיקסטע שפּראַכלעך-געשיכטלעכע אַרויסווײַזונג אין דער ספּעציפֿיק פֿון ייִדיש. די דאָזיקע אַרויסווײַזונג באַשטײט אין וואָס:

---

[1]) К. Маркс. К критике политической экономии (Введение), 1935, 10.

1) יידיש האט זיך אנטוויקלט אפן באדן פונעם מיטלאלטערלעכן דייטשלאנד אלס א גערמאנישע שפראך [1].

די עלטסטע ליטעראַרישע דענקמעלער זיינען דערהויפט יידיש-גערמאנישע, ניט געקוקט אפ דער געוויסער העברייזירונג [2] אדער אפ די ראמאנישע שפורן [3] אין אייניקע אזוינע דענקמעלער.

2) יידיש בלייבט א גערמאנישע שפראך אויך דאן, ווען עס הויבט אן „פאר-דארבן" ווערן, לויט דער האסאגע פון די בורזשואזע „כאכמיי-יסראעל" אין דייטש-לאנד, דורך סלאווישן צומיש, ווען יידיש באהעפט זיך און ווערט דורכגענומען מיט סלאוויש צוליב ווייטערדיקער אנטוויקלונג.

„יידיש-דייטש" האט אפן סלאווישן באדן (צוערשט אין טשעכיע, פוילן) גע-טראפן גינסטיקע באדינגונגען פאר דער אנטוויקלונג פון זיין גערמאנישן אייגנארט. אין פוילן, אשטייגער, איז די יידישע איבערוואנדערונג פארגעקומען אין קאמפאקטע מאסן, דערהויפט אין די שטעט. די דאזיקע מאסן זיינען צו יענער צייט געווען א גענוג פעסטע סאציאל-עקאנאמישע, ווי אויך קולטור-שפראכלעכע קערפערשאפט. דערצו איז דאן שטארק געווען די דייטשישע ווירקונג אין פוילן. די יידישע באפעלקערונג האט זיך דא צונויפגעטראפן אין דער ערשטער ריי מיטן דייטשישן בירגערטום, ווי אויך מיט דער פוילישער שליאכטע, וועלכע האט גערעדט אפ א פארדייטשטן פויליש.

דאס אלץ האט ניט געקענט ברענגען די איבערוואנדערער צו קיין נייעם שפראך-בייט, כאטש אין יידיש האט עס אריינגעבראכט גרונטיקע ענדערונגען לויט די נייע באדינגונגען.

3) דער גערמאנישער ווארטשטאף איז ביז צו הייטיקן טאג דער פירנדיקער צווישן די אנדערע לעקסישע באשטאנד-טיילן פון יידיש.

די אויבן אפגעמערקטע גרונטיקסטע ארויסווייזונג אין דער ספעציפיק פון יידיש דארף מען גלייך נעמען אין אכט, ווען מע פרווט זיך שטעלן די פראגע וועגן

[1]) מיר נעמען דא גערמאניש, סלאוויש, אלס סומארע און אנגענומענע באצייכענונגען פאר די היסטאריש-אופגעקומענע און אויסגעפורעמטע הײַנטצייטיקע שפראכן און שפראכלעכע באשטאנד-טיילן. ס'דארף אבער קלאר זיין, אז דער אייגנטלעכער אופקום און די לאנגאניקע קאמפליצירטע אנטוויקלונג-סטאדיעס פון א שפראך אדער פון א שפראך-סיסטעם ווערן ניט געדעקט מיט די דאזיקע באצייכענונגען.

ספעציעל די גערמאנישע שפראכן זיינען אין זייער אויסבילדונג געווען, פארשטייט זיך, ניט קיי[ן] „ריין-אינדאגערמאנישע" (אינדא-אייראפייִשע). דא זיינען געווען פארוועבט שפראך-עלעמענטן, וואס ד[י] טרעגערס זייערע האבן באוווינט מיטל- און צאפן-אייראפע נאך איידער די גערמאנער (אינדא-אייראפייער) האבן זיך דארט באוויזן (פארטראטן זאל אויך דא זיין די יאפעטישע שפראך-סיסטעם). „גערמאניש", ווי א סומארער אנגענומענער באגריף, זאל, הייסט עס, גענעטיש פארשטעלן מיט זיך די צונויפקרייצונג פו[ן] ביזגערמאנישע עלעמענטן מיט דעם אלגעמיינעם-ריינעם גערמאניש.

[2]) מיט העברייִזירונג מיינען מיר דא ניט בלויז די פאראנענקייט פון געוויסער העברייִשער לעקסיק[ע], נאר אויך דאס קאנסטרויִרן לויטן העברייִשן ווארט און ווארטבאהעפט, וואס ס'איז צו טרעפן, אשטייגער, אין די ערשטע ביבל-איבערזעצונגען.

[3]) אשטייגער, אין אליהו בחורס „בבא-בוך", ווו ס'איז אפילע געווען צוגעגעבן א ווערטערביכל מיט די „וועלשן" (איטאליענישע) ווערטער (וואס זיינען, פארשטייט זיך, ניט פארבליבן בלויז קיי[ן] „וועלשע"): מאטראץ—איין בעט אויש וואל, קומפאני—גוט גיזעל, קונטענט—איך בין וואול צו פרידן א. אז. וו.



פאריינהייטלעכונג. אין דער טענדענץ פון פאריינהייטלעכונג אין יידיש איז די גער-מאנישע שפראך-פארמע אין אלגעמיינעם געווען דער רעגולירנדיקער קריטעריִ (ניט דער איינציק גילטיקער, נאר דער וועזנטלעכסטער קריטעריִ).

פאריינהייטלעכונג, אין געגעבענעם פאל לעקסישע פאריינהייטלעכונג, פאר-שטייען מיר אינעם ברייטן זינען פון ווארט. ביקלאל גענומען איז עס די פראבלעם פון רעגולירן די צווישנפארהעלטענישן פון די פארשיידענע לעקסישע באשטאנד-טיילן לויט די באשטימטע געשיכטלעך-באדינגטע געזעצמעסיקייטן, וואס גילטן אין דער ליטעראַרישער שפראך. דערביי שטעלן זיך צוויי גרונט-פראגעס. ערשטנס, איז עס די רעגולירונג פון דער פארהעלטעניש צווישן די אייגנטלעכע לעקסישע מיש-עלעמענטן, לויט וועלכע ס'האט זיך געפורעמט די שפראך (גערמאניזמען, סלאוויז-מען, העברייִזמען). צווייטנס, איז עס די רעגולירונג פון דער קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן דער שריפט-שפראך און צווישן דער מינדלעך-אומגאנגלעכער שפראך, צווישן דער געמיינזאם-ליטעראַרישן און צווישן דעם דיאלעקטאל-לאקאלן ווארט-שטאף. קלאר, אז די ביידע ארטן רעגולירונג און פאריינהייטלעכונג קרייצן זיך אין א היפשער מאס איבער צווישן זיך.

פאריינהייטלעכונג כאפט אלזא ארום פארשיידענע זייטן פון רעגולירן, נארמירן און פאריינהייטלעכן די סיסטעם, אין געגעבענעם פאל די לעקסישע סיסטעם, פון דער שפראך אפ דער באזע פון איר געשיכטלעכער אנטוויקלונג.

קעדיי זיך איבעריקס ניט אפצווועדן אין א זייט, וועלן מיר די דאזיקע טענ-דענץ צו פאריינהייטלעכונג אין דער געשיכטע פון ליטעראַרישן יידיש אין קורצן אילוסטרירן בלויז מיט א געוויסן מאטעריִאל פון די לעצטע פעריִאָדן (צווייטע העלפט פונעם 19-טן י. ה.).

2

אפ דער צווייטער העלפט פונעם 19-טן יארהונדערט פאלט דער אופקום פון א יידישער בורזשואז-אופקלערערישער אויסגאבע,—פונעם „קול מבשר".

די בורזשואזע אופקלערונג (ספעציעל אירע מיטלבירגערלעכע און באזונדערס קליינבירגערלעכע אפשיכטונגען) איז אנגעקומען אויך צו דער מאסן-שפראך צוליב האבן א פארקער מיט דער מאסע, קעדיי צו באווירקן זי און צו האבן זי מיט זיך אינעם קאמף פאר די אייגענע געזעלשאפטלעכע באגערן. די אופקלערערישע ארבעט אפ „יודיש" איז דא געווען א נוצלעך ביימיטל בא באקעמפן אויך אין דעם יידישן וועלטל די רעשטן פונעם פעאדאליזם, די אפגעשטאנענע לעבן-פארמען אפן וועג צו קאפיטאליסטישע אויסזיכטן און מעגלעכקייטן.

קיין איינהייטלעכע באציִונג צו יידיש, אלס צו אן אופקלער-מיטל, איז דא ניט געווען. אזוי האט עס זיך אפגעשפיגלט אויך אין „קול מבשר". ביקלאל גענומען האט יידיש געזאלט מיטהעלפן אויסצופילן:

„די טאפפעלע בעשטימונג, וואס יודען האבען אויף דער וועלט: 1) נוצליכע בירגער אין דער מענטשליכען געזעללשאפט און דערבייא 2) אויך א באזונדערע רעליגיעזע נאציע צו זיין" [1].

[1]) „קול מבשר" 1865, נומ. 35, ז, 538.

אזוי איז עס פאָרמולירט אין פארשיידענע ערטער פונעם „קול מבשר“. פון דער דאָזיקער „טאָפּפּעלער בעשטימונג“ זיינען דאָ פאקטיש ארויסגעדרונגענע די „טאָפּפּעלע“ שפּראכלעכע באשטרעבונגען.

די בורזשואזע אופקלערער האָבן זיך געצויגן צו דער הערשנדיקער און צו דער „העכערער“ שפּראך—צו רוסיש, צו דייטש. דערין האָט געשטעקט דאָס „מענטשלעכע“ פאר די פּראקטישע קאפּיטאליסטישע אויסזיכטן, פארן „פאָטערלאנד אונטער דעם מילדען רעגירונג פון אונדזער קייסער...“ [1] און דעם נייטיקן פארקער מיט דעם היימיש-אייגענעם-„געצעלט“, האָט מען געהאלטן דורך דאָס „יהודענטימישע“ אף דער היילעקער שפּראך און פארן ברייטערן אוילעם—אויך אף „יודיש“.

יידיש איז דאָ געווען א מיטל צום גרונט-ציל—דורך יידיש צוברענגען צו דער לאנדשפּראך, צו רוסיש, ווי אויך צו דער „שפּראכע פון אללע געבילדעטע יודען“ [2] (דייטש). יידיש האָט אויך געזאָלט אויסגענוצט ווערן פונ „יודישקייט“ וועגן צומאָל אפילע אָנשטאָט דער „העכערער“ שפּראך.

מע האָט אין א קאָרעספּאָנדענץ אופמערקזאם געמאכט די רעדאקציע פונעם „קול מבשר“:

„...וואָס טויג פאר דעם אָרמען ת״ת יינגעל, וועלכער קען דיא העכערע שולען ניט בעזוכען (אויך אפילו פאר אנדערע בע״ב קינדער) דייטש, וועלכעס ער קען גאָר ניט נאָכרעדן, וויא אויך דעם סידור אויף דייטש איבערצוזעצען וואָרים דיא חדר-אָדער ת״ת שפּראכע קלינגט ניט וויא דיא שול-שפּראכע“... [3].

און די רעדאקציע האָט געענטפערט:

„...חומש מיט דייטשער איבערזעצונג איז איבריג און ניט פּראקטיש, היע האָט מען דאָס אָבגעשאפט, דער לעהרער מעג טייטשען אויף פּראָסט יודיש... דאווינען אויך ניט אויף דייטש, נאָר אויף ריין יודיש...“ [4].

נעמענדיק די מאסנשפּראך אלס מיטל צו ווירקן אף די מאסן, האָט מען אָבער אין דער זעלבער צייט געווייכט פון דער מאסנשפּראך. דער „זשארגאָן“ איז געווען א שטרויכלשטיין באם באהעפטן זיך צו די ניי-אָנוואקסנדיקע בורזשואזע פארהעלטענישן און צו דער שפּראך פון לאנד. אין פארגלייך מיט דער לאנדשפּראך האָט יידיש אויסגעזען, ווי עפּעס א „פארדאָרבענע“ נאָכווייעניש פון דער פעאָדאלער אָפּגעשטאנענקייט.

אזוי האָבן דאָ דעריקער געהאלטן די „פּראָגרעסיסטן“,—דער העכערער בורזשואזער פליגל פון די אופקלערער. אזוי האָט זיך עס פאקטיש באקומען בא א ריי מיטלבירגערלעכע פאָרשטייער פון דער אופקלערונג (אויסגעדריקט האָט עס דער באזונדערס וואקלדיקער צעדערבוים), וועלכע זיינען אי אָנגעקומען צו יידיש, אי זיי האָבן ניט געהאלטן, אז עס זאָל ארויסקומען עפּעס רעכטס פון

„...דעם גאלאמאנען לשון, וואָס מע דארף ניט לערנען און האָט קיין שפּראך-לעהרע, א לשון, וואָס מיר אללייו האלטען עס פאר אן אומגליק...“ [5]

---

1) קול מבשר, 1862, 44, 697.

2) ראָרטנ, 1865, 34, 245.

3) ראָרטנ, 1865, 17, 261.

4) ראָרטנ, 263.

5) ראָרטנ 1889, ב. 88.



„...דער זשארגאָן איז בייא אונז נאָר א מיטטעל יודען אויפמערקזאם צו מאכען ווי נאטהיג פאר זייא אין רוסלאנד די לאנדע-שפּראכע צו זייער מוטער-שפּראכע צו מאכען און זשארגאָן גאנץ צו פערגעססען, אזוי, אז דער זשארגאָן איז בעשטימט זיך אללייו אויסצוראָטטען“ [1].

„...מיר האָבען שוין ניט איין מאָל בפירוש געזאָגט, אז מיר געברויכען דאָס לשון, עס זאָלל זיך אללייו אונטערגראָבען די עקזיסטענץ...“ [2].

דאָס איז געווען פון איין זייט. פון דער אנדערער זייט האָט שוין אף די שפּאלטן פון דעמזעלביקן „קול מבשר“ געגאָלטן אן אנדער שטעלונג צו יידיש און אן אנדער שאצונג פון יידיש, אלס מיטל און אלס ווערקצייג פון אופקלערונג:

„הייבט זיך נאָר איינער פון אונז צו לערנען א פרעמדע שפּראך, אזוי ווערט ער שוין באלד א מבין, אז אונזער לשון איז פערדאָרבען, און הייבט שוין געוויינלעך אָן חוזק צו מאכן פון אונזער לשון אָדער מיט דער צייט טאקע פון אונז אללייו... דרינען פערפלאנטעט ער זיך נעביך אין דיא בעגריפען פון יודישקייט און פון מענשלעכקייט, ער וויל אויס יוד ווערין, און ווערד גאָר אויס מענש“ [3].

מיט זיין דעמאָקראטיש-אופקלערישער שטעלונג האָט דאָ ליפשיץ געצילט קעגן דער דעמלטיקער באציונג צו יידיש סיי מיצאד די „פּראָגרעסיסטן“, די דורכויסיקע אָפּלייקענער פון יידיש, סיי קעגן די, וואָס האָבן דערמיט אין וואקלעניש יאָ געהאט צו טאָן, אלס פארקער-מיטל מיט די מאסן. ליפשיץ האָט דאן געארבעט פאר דער שפּראך, פאר יידיש, ווי פאר א מאסעווען קולטור-אינסטרומענט און געהאלטן האָט ער, אז ניט „דער פידל איז שולדיק, נאָר דער קלעזמער“.

די אויבן אָפּגעמערקטע פארשיידענע שפּראך-אָריענטאציעס זיינען געקומען צום אויסדרוק און האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט גופא אין דער שפּראך פונעם „קול מבשר“ און אין זיין סטיל אָדער סטילן-געמיש.

מיר וועלן צוערשט אָפּמערקן דעם געדיכטן אנדערשפּראכיקן וואָרטשטאָף, וואָס האָט דאָ געהערשט, באזונדערס די ערשטע צייט.

די אָנהויערונג פון פארשיידנארטיקן אנדערשפּראכיקן וואָרט טרעפן מיר ביקלאל אף אָנפאנגלעכע עטאפּן פון דער בורזשואז-שפּראכלעכער אנטוויקלונג. פאר זיך גענומען, קומט עס דאן צו באריינכערן אין א געוויסער מאָס די שפּראך און מיטהעלפן צו ארויספירן זי אפן ברייטערן שליאך פון נייע קולטור-געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן און פון די אָנגעוואקסענע אויסדרוק-באדערפענישן [4]. אין די בורזשואזע באדינגונגען איז עס אָבער אָפט אין אזוינע פאלן סטיכישע, „אָנפלאנישע“ אָנהויערונג, וואָס שטערט שטארק צו דער צוגענגלעכקייט און צו דער פארייניהייטלעכונג פון דער ליטערארישער שפּראך.

---

1) ראָרטנ, 1868, נומ. 28, ז. 165.

2) 1869, נומ. 48, ז. 333.

3) דאָרט, 1862, נומ. 21-23. י. מ. ליפשיצ. די פּיער קלאססען.

4) אינ א. מ. דיקס א ניט פארעפנטלעכט ווערק שמועסט זיך דורכ א ראבינער א מאסקיל מיטנ אווטער:

„...די ארט פון אייער שרייבען... מאכט דעם אידעשען עולם באקאנט מיט געוואיינליכע טייצע-

די אָנפּלייצונג פון אַנדערשפּראַכיקע ווערטער אין „קול מבשר” איז דאַן פאַר־געקומען כאַאָטיש אונטער דער ווירקונג פון אָפּטמאָל ווידערשפּרעכלעכע שפּראַכ־באַשטרעבונגען (ערשט שפּעטער האָט זיך אָנגעמערקט א געוויסע טענדענץ צו ריי־ניקן און צו פאַראיינהייטלעכן די שפּראַך).

דעם „קול מבשר” האָט דאַן דורכגענומען דער גייסט פון דער „לאַנדעס־שפּראַכע”:

„... כפי זאַפּראַדאַזשני סדעלקאַ, וואָס מיר האָבין פּאַדאַוויט אין דער פּרי־סוטסטוויע...”

„... איך בין פּטור פון אַללע אָבּיאַזאַנאָסטין צו פּערקויפען מיין אימעניע...”

„... אַללע אָבּשטשעסטווים און אוטשאַסקיס... וואָס ווילן אָפּגעבען נאַיאָם־שטשיקעס... זאָל מען ערלויבען דאָס צוטהאָן אויף אייגענע פּריגאָוואָרין...”[1]).

„... זאָל זיין א רעקרוטסקי נאַבאָר פון ביידע פּאָלאָסען פון דער אימפּע־ריע צו פינף מענשין פון יעדען טויזענד דושעס...”

„... אַז מע וועט נעמין פּאָד־אָטשערעדני פּאַר אָטשערעדני... וואָס זיינען בשעת דעם נאַבאָר פּאָד סלעדסטוויע אָדער פּאָד סוד... זאָל מען נעפּרע־מעננאָ...”[2]).

אפילו גאַנצע צוזאַמענשטעלונגען ווערטער פלעגט מען, באַזונדערס די ערשטע יאָרן, אויסטייטשן מיט א רוסיש וואָרט:

געגנער (פּראָטיווניק), פייַיקייט (ספּאָסאָבּנאָסט), באַדייַטונג (זנאַטשעניע), פענדל (קאַסטעראָליע), געלעגנהייַט (סלאָטשאַי)...

באַזונדערס פול געווען זייַנען דערמיט די אָפיציעלע מיטיילונגען, די „מאַני־פעסטן” און „אוקאַזן”.

און געפּאָרט האָט זיך דער דאָזיקער רוסמערישער וואָרטשטאָף מיט דער מאַס־קילישער גערמאַניזיר־טענדענץ און מיט דעם שפּראַך־אומגאַנג פון דעם דעמאָלטיקן אָדעס, ווו די אָנגעפאָרענע גאַליציישע („בראָדער”)[3]) מאַסקילים האָבן פאַרפלאַנצט דייַטש אין דעם האַנדל־בורזשואַזן אומגאַנג, און ווו דייַטש, „דיא שפּראַכע פון גע־בילדעטע”, איז אויך געוואָרן די שפּראַך פון שול און טאַלמעד־טוירע, פונעם ראַ־בינערס „פּריידיק” א. א.

אין דער רוסלענדישער האַסקאָלע איז דאָך ביקלאַל געווען שטאַרק די ווירקונג פון דייַטש (דייַטשמעריש). דאָס איז צום אַלעם ערשטן געווען באַדינגט פון דעם

שע און אָפּט מיט מאַנכע רוסישע אויסדריקע און ריידען שוין דורך פיעל שענער אַלס אמאָל און קאָנען זיך שוין פיעל בעסער ערקלערן (אָבּיאַסנען) די אַנדערען אַלס פריער... אין זאַרגאָן קאָן מער ניט גע־שריבען ווערן וויא איין בבא מעשה, איין יוסף דעלי ריינע, - איין צענטוריע ווענטוריע דאָס גלייכען, אָבער ניט אייער בראָסורען, וואָס ריידען שוין פון ערהאַבענע אידעען (גערדאַנקען) און פון וויכטיגע אָביעקטען (ענינים), פון דער עטהיק (זיטענלעהערע), פון ראָמאַנטיק, פון ערציהונג, פון וועלטקענטעניש, פון פּסיכאָלאָגיע (חכמת הנפש) און וואָס זיינען פול מיט קריטיק, מיט וויץ, מיט הומאָר (הערצענס-גע־פיהל), וואָס דער זשאַרגאָן דער פּראָסטער האָט גאָר קיינע ווערטער און קיינע אויסדריקע דערפאַר...”

[1]) „קול מבשר” 1865, נומ. 48.

[2]) דאָרטן, 1862, נומ. 2.

[3]) די גרויסע האַנדל־שטאָט (צווישן עסטרייַך, דייַטשלאַנד און רוסלאַנד) בראָד איז, ווי באַוווּסט, געווען א צענטער פון דער האַסקאָלע.



יידישן האַנדל־בורזשואַזן פאַרקער מיט קעניגסבערג, לייַפּציג, בראָד א. א. דער לע־בעדיקער פאַרקער מיט „סכוירע” האָט מיטגעבראַכט אויך די אויפקלערערישע „טוירע”, וואָס האָט אין די באַדינגונגען פונעם דעמאָלטיקן דייַטשלאַנד (און גאַליציע) געהאַט שוין א פעסטן אָנהאַלט און האָט פאַרמאָגט א רייַכע אויפקלער־ליטעראַטור אין דייַטש.

האָבן מיר דאַן אויך געהאַט אינעם „קול מבשר”:

„... ערינערונגס־טאַגע... זאָ היילבּרינגענד זינד פאַר דער מענטשליכען זעעלע...”

אָדער מעלדונגען („אָנצייגע”) לויטן טיפּ:

„... אין דער פאָן מיר איינינען טאַגען פערטהיילטען פערטען יאַהרעס־בעריכט... איבער דיא פאָן מיר געגרינדעטע ערסטע סאַבּאַסשולע פיר איז־ראַעליטישע האַנדלונג־אונד האַנדווערקערלינגע איהר זעלבּסט האָט זיך... איין פעהלער איינגעשליכען...”[1]).

און אַזוי איז עס אין דער לעקסיק דאָרטן געווען גאָר אָפט:

סטראַאַט, אויסריסטען, בערייטוויליקייט, מעער, רעגעל, ענטהאַלזאַמקייט, שפּענדען, בעגעבענהייטען, שטיפּטער...

און צו רוסמעריש און דייַטשמעריש האָט שוין זיך, געוויינטלעך, נאָכגעשלעפּט דאָס הייליק־העברייִשע „איינציגע שניריל, וואָס פעראייניגט אַללע יודען אויף דעם גאַנצען ערדבאַללען צו איין נאַציע”[2]), וואָס איז „דאָס פונדאַמענט פון אונדזער רע־ליגיעזער נאַציאָנאַליטעט”[3]).

איז דער „קול מבשר” אויך איבערגעפּולט געווען מיט:

חילוף, תמיכה, משמע, הוה אמינא (היפּאָטעזע). שופטים (און יועצים)...

פאַרשיידענע טעקסטן זייַנען דאָ אומעטום געווען צוגעריכט מיט דער העברייִ־שער פראַזעאָלאָגיע (סטרא אחרא, רחמנא יצלינו, מקדמת דנאָ, חושד בכשרים...), מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייַג פון העברייִש־אַראַמייִשער ציטאַציע און פּסוקימדי־קייַט, אָנגעהויבן פון דעם נאָמען „קול מבשר” און ביז אַזוינע קעפּלעך ווי „הכל הבל” (חוץ צדקה און מעשים טובים), „רופא ולא לו”, „לידע ולהודיע”, „החרשים שמעו והעורים הביטו לראות”...

צומאָל האָט מען אינעם „קול מבשר” געקאָנט טרעפן אַזאַ באַנאַנדיקע מער־שפּראַכיקייַט:

„... די חברה האָט... בעשלאָסען ארויסצוגעבען א „סבאָרניק” אויף רוסיש פון אויסזעטצע... פאָדערט עס אויך אַללע וואָס ווילען זייערע סאָטשי־ניעניעס לאָזען אָפּדרוקען אין דעם חיבור זייא, זאָלען זעלכע שיקען...”[4]).

אינעם „קול מבשר” האָט געהערשט א געדיכטער אַנדערשפּראַכיקער און פּילוויער־טערדיקער סטיל־געמיש. דאָס איז געווען פון איין זייַט. און פון דער אַנדערער זייַט האָט זיך דאָ גענומען דורכשלאָגן נאָך א מער שאַרפער און א מער אָנזיכטיקער.

[1]) „קול מבשר”, 1869, נומ. 48.

[2]) דאָרטן.

[3]) דאָרטן.

[4]) דאָרטן, 1865, נומ. 7.

שטראָם פונ „פראָסט יודיש"... אינ דעמ דאָזיקנ „פראָסט יודיש" איז דער רעזולטירנ־דיקער אונ רעגולירנדיקער פלאסט געווענ דאָס „ריינ"־יידישע, אינ גרונט דאָס יידיש־גערמאנישע, אינ דער נאטירלעכער באהעפטונג מיט די סלאַוויזמענ אונ העברייִזמענ פונ יענעמ פעריאָד.

אונ דעמ דאָזיקנ שטראָמ פונ אומגאנגלעכנ „פראָסט יודיש" פלעג מענ טרעפנ אינ די ארטיקלענ אונ נאָטיצנ, אינ די ארויסזאָגונגענ אונ ווענדונגענ פונ די גרונט־שרייבער פונעמ „קול מבשר" בא זייער גאָרער וואקלדיקייט סיי לעגאבע דער שטעלונג צו יידיש גופע, סיי לעגאבע דעמ ארט שרייבנ אינ יידיש. ס'איז געווענ אינ די דערציילונגענ. מע פלעג עס באזונדערס טרעפנ בא די, וואָס האָבנ זיכ געווענדעט אינ דער רעדאקציע פונ דער פראָווינצ, אינ די קאָרעספאָנדענצנ, אינ די אָנפראגעס צומ „קול מבשר". די דאָזיקע פראָווינצ־מיטיילונגענ, ווי אויכ די שפראכ פונ אזוינע מיטיילונגענ, דאָס האָט געוויס ניט ווייניק געווירקט אפ צו שטויסנ דעמ „קול מבשר" צו אזא „פראָסט יודיש".

אָט וויאזוי עס שרייבט, אשטייגער, אינ דער רעדאקציע איינער, וואָס כאסמעט זיכ „א פראָסטער ט.....ר בעל־הבית":

„... איך ווילל אייך בעשרייבען א ווינדערלעכע מעשה, וואָס איז ווערט מויל און אויהערען אויפצושטעלען. איך מוז אייך צומ ערשטען זאָגען, אז איך בין נישט פון דיא יאָלדאקיס, וואָס ליגען אין בית המדרש אונטער דער הרובע און ווייסען ניט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. איך בין אפילו א פראָסטער יוד, פון דעסטוועגען האָב איך ליב אריינצוקוקען אינ די קליינע אותיותלעך... איך בעשרייב אייך די מעשה אויף פראָסט יודיש בכדי די דרא־בעס זאָלען וויסענ אז מען קען מאכען פונ זייא לאטיש געלעכטער..." [1].

דערנאָכ גייט אוועק א מייסע מיט א רעבנס אנ איידעמל אונ מיט זיינ טוירע זאָגנ—

„... א גאנצע ציאצע... איך קען אייך שווערען בייא מיין באָרד און פאות, אז איך פארשטעהע ניט וואָס ער זאָגט, אזוי טיעף איז זיין זאָגעכטס..."

אזא יידיש איז געווענ ניט בלויז בא די „פראָסטע באלעבאטימ", וואָס זיינענ געווענ „ניט פונ די יאָלדאקעס". אזוי איז עס שוינ געווענ אינ היפש פארשיידענע אנדערע מאטעריאלנ פונעמ קול מבשר".

אזא יידיש האָט געקענט שטויסנ צו זיינ מערער געהיט מיט דער אָנהויערונג פונ פארשיידענע אנדערשפראכיקע ווערטער, קעדיי ברייטער אונ בעסער אופצווירקנ. באנאנד דערמיט איז עפשער אויכ אופגעקומענ דער געדאנק וועגנ געוויסער פאריינ־הייטלעכונג (וועגנ דעמ וויטער). דאָ האָט נאָכ, מעגלעכ, געווירקט דער מאָמענט, וואָס א ריינערער „פראָסט יודיש" (מיט איבערוועגנדיקנ יידיש־גערמאנישנ וואָרט־שטאָפ) האָט אויכ אינ א געוויסנ פראט מערער אנטשפראָכנ דער טענדענצ פונ „ריינ דייטש" (ספעציעל נאָכ בא נייער וואָרט־אויסבילדונג, בא טערמינאָלאָגיע).

מיר וועלנ פארצייכענענ אייניקע כאראקטעריסטישע דערשיינונגענ פונ אזא „פראָסט־יודיש" אינ לעקסיק אונ אינ וואָרטבילדונג, אינ פראזעאָלאָגיע אונ אינ זאצבוי.

---

[1]) „קול מבשר", 1865, נומ. 43



1. ס'איז אויסגענוצט געוואָרנ דאָס יידיש־גערמאנישע ריידשטייגערישע וואָרט, דער מאסנטימלעכער אויסדרוק:

איבערלייגען (באטראכטנ), בעצויגען (אריינגעבראכט), זיך איידלין, אויס־שלאָג (сыпь), נויטבעדורפטיג, דאָס נעמלעכע, אונטערוואלעכטס, בעשאמפער־לעכ...

אזוי לאנג, אינ פלוג, מאכנ א לייט, אָנשפארנ אינ... [1]).

2. ס'איז פארברייטערט אָדער אפסניי סעמאנטיזירט געוואָרנ באקאנטער אומ־גאנגלעכער ריידשטאָפ:

(דאָס ציל צו) דערלאנגענ

איינקויפ־געלט (אינ זינעג פונ איינטריט־געלט — לויט „זיכ איינקויפנ אינ דער חברה")

(שבת און יום טוב) אויסגעצייכנטע (טעג — טעג, וואָס טיילנ זיכ ארויס)

(האָט זיכ) דערפרישט (די האָפענונג) — באנייט די...

נאָכרייד (פון דעם גאנצען עולם) — דאָס בארעדנ, דאָס אָנרעדנ

צוגעצויגענער (צו דעמ אנשטאלט) — זיכ אריינגעצויגנ, אריינגע־לאָזט...

3. מיט די מיטלענ פונ דער מאסנשפראכ זיינענ אויסגעבילדעט געוואָרנ נייע ווערטער:

| | | |
|---|---|---|
| גאסגעהערס | הארטהערציגער | דערגרינגערן |
| גאָטלייגנער | היימזיטצידיגע | דערשוויצן |
| פריידנטעג | אומגעהאָלפענע | דערהייכט ווערן |
| פאָרשטעלער (представитель) | לויפעדיגע (כויוועס) | (אין דער מדרגה) |
| (אָהן) בעריהם | היגקאנטיגע | |

4. ס'איז געוואקסנ די צאָל טעכניש־וויסנשאפטלעכע טערמינעס, וואָס זיינענ מיינסטנס אריינגעבראכט געוואָרנ פונ דייטש אָדער זיינענ יידיש (־גערמאניש) קאָנ־סטרויִרט געוואָרנ: [2])

| | |
|---|---|
| בערגווערקע | וואגערעכט אָדער האָריצאָנטאל |
| קאָהלענשטאָף | פליהקראפט אָדער צענטראָפוגאל |
| אופלייזונג | קראפט |
| קאָהלענזייערע | אָבערפלעכע |
| בלייכפאבריק (וויא מע בלייכט גיטע לייוואנד און טייערע וועבליך) | זייגע טהירע א. אנד. |

דער יידיש־גערמאנישער טערמינ איז דאָ מיינסטנס געווענ דער פירנדיקער אויכ דאנ, ווענ ס'זיינענ געקומענ נאָכ אימ נאָכ טערמינעס.

---

[1]) מיר רעדנ דאָ וועגנ דעמ דאָמינירנדיקנ, אָבער ניט וועגנ דעמ איינציק־גילטנדיקנ, וואָס איז אהער אריינגעבראכט געוואָרנ פונ דעמ ריידשטייגער. ס'איז, פארשטייט זיכ, געווענ אויכ פונעמ ניטגער־מאנישנ: אָווירן („דיא קראנקע גוט אָווירט"), פעכנען (פונ הונגער), הידעט אונטער (העצט אונטער), שאפקעווענ („פאר דעמ אופגעקלערטנ")...

[2]) אויכ אהער איז שייכ די פוסנאָטע צומ פונקט 1.

1. קול מבשר

Heb title = high-cultural aspirations

Pull of German, from Brody merchants, Odessa

Pull of Russian

expectation that zhargon would self-destruct, be superseded

correspondents from the Provinces: wrote hyper-idiomatic Yiddish

Dik very improve their diction w/ German-Russian words

(12) Abr[amovitsh]'s breakthrough in his letter-to editor

2. [illegible] 2 [illegible] ← [illegible]

privilege Yiddish; display its riches, nuances

Very fact of a dictionary denotes = lang. status

must qualify Shtifs enthusiasm

intro neologisms

3. [illegible]

Process of normativizing his diction continues until the end

eliminates regional slavicisms; Germanicisms & Hebraisms

est. a stylistic baseline

(23) Archaisms: (i) source of parody (2) source of pride

4. 1888 פֿאָלקס־ביבליאָטעק – הויזפֿרײַנד ← [illegible]

5. [illegible]

6. [illegible]

7. [illegible] (41-43) [illegible]

געגענשטאַנד (פּרעדמעט, ענין) , פריהלינג (וועסנע, תחלת זומער)
מוילוואָרף (סאָסליק, קראָט, крот) אקערבאַיער (זעמליאַדעליע).

5. ס'איז אַרײַנגעבראַכט געוואָרן דער מאַסעווער ריידאַרט, דאָס ווערטל, דער שטייגערישער פיגורעלער אויסדרוק. פאָרגעקומען איז עס דאָ אָפט באַם סאָציאַל פאַרשאַרפן די מיטיילונג:

„בּרדיטשוב... האָט נעבּיך זייט עטליכע יאָר אָנגעהייבן צו פאַללען פון איהר מדרגה, און וואָס ווייטער האָבּען זיך דאָרט פאַרמערט שפּוגלנייע, בּכבודע אָרימע לייט, האָבּ איך דענטסמאָל אַלץ געטראַכט, ווי אזוי מען זאָל עפּעס קענין געפינען א מיטעל בּייאצושטעהען דיא נויטבּעדורפטיגע אין איר נויט... עפּעס א קאַטאָוועס אָרעמקייט! עס זאָל גאָר ניט צוגעשיקט ווערן רבּנו של עולם..." [1]).

„...דער יוד האָט בּטבע רחמנות אז איינער מאַכט א קרום פּנים, ווער שמועסט, אז ער לאָזט א טרעהר, וועט ער פון זיך דאָס לעצטע אַוועקגעבּן... כּלזמן דער געפאַלענער שעמט זיך אויסצוזאָגן, אז איהם איז שלעכט, וועט ער אקערין מיטן נאָז, ער וועט זיך א קנייפּ טהון אין דער בּאַק אבּי די פאַרבּ זאָל שטעהען..." [2]).

„...דער קליינשטעדטילדיקער יוד גלעט זיך דאָס בּערדל און מאַכט חוזק אויס אופגעקלערטע, רופט זיי „אויפגעקלעבּטע" און רעדט זיך איין, אז ער וועט דאָס זיין דער סאַרווער לעתיד לבא און ער וועט טהיילען דעם לויתן מיט דעם שור הבר און די אפּיקורסים, די דאַיטשאַניס וועט ער אפילו קיין פלוס־פעדער פון דער שוואַנץ און קיין בּיינדל פונעם פּעטשע ניט געבּן אָבּצולעקן...".

6. אינעם זאַצבּוי האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן די אומגאַנגלעכע ריידאַרטיקײַט פון אופוויַזן, אײַנטײַנען, אַרײַנזאָגן. געקומען איז עס צום אויסדרוק אָט אין וואָס.

א. אין איבּערכאַזערנדיקער בּאַטאָנענדיקער בּאַריידעוודיקײַט:

„...אין פלוג דאַכט דאָס איז גאָר איבּריג צו זאָגען פאָטער און מוטער, פין וועמיס וועגן לעבּען זייא, פין וועמיס וועגען האָריווין זייא, אז ניט פאַר די קינדער, פין וואָס האָבּען זייא נחת אויף דער וועלט אז ניט פון קינדער, וואָס טוהן נישט עלטערין פין זייערע קינדער וועגן, זייער געזונד, זייער לעבּען, זייער פערמעגען, זייער גאַנצע צייט אָפּפערן זייא נאָר פין קינדערס וועגן, א קינד איז חס ושלום ניט געזונד וואָס טוהען ניט עלטערן עס צו ראַטעווען. נאָ זאָל מען זייא דאַרפען דערמאַנען זייא זאָלען דיא קינדער גוט בּאַהאַנדלין. נאָר אז מע ווילל גוט איבּערלעגען זעהט מען אז מען דאַרף נאָך א סך מענשען וואָרנען זייא זאָלען גוט בּאַהאַנדלין דיא קינדער..." [3]).

---

[1]) ש. י. אבראַמאָוויץ. חברה משכיל אל דל. „קול מבשר", 1865, נומ 4. מײַנע אונטערשטרײַכונג.

[2]) דאָרטן.

[3]) „קול מבשר", 1863, נומ. 28, ז. 445.



ב. אינעם געהעכערטן רעדטאָן פון פרעגן און אָפּפרעגן און אויסרופנדיקן אָפּענטפערן:

„...ווען וועט איהר קרעמיניצער יודען זיך ארים קוקען אויף אייערע מעדליך אויך? פאַר וואָס זאָלט איהר מיינען, אז אונזער בּילדונג בּעשטעהט נאָר אין דער זאָק מאַרעזשין און אין דעם דייטש־חומש לייגין? ניין איהר זענט אין טעות, ווען איהר מיינט אזוי! מיר זיינין אויך מענטשין גלייך מיט אללע, מיר זענין אויך קינדער, פאַר וואָס זאָלען מיר אויסוויזען בּאַם מענשין אין דיא אויגען ווי דיא שאָף! פאַרוואָס בּעט איר נישט מען זאָל מאַכען אין קרעמיניץ א מעדכען־שולע אויך? מיר האָבּין געשוויגין בּיז היינט נישט פאַר הענוג — מיר האָבּען נישט געהאַט ווער עס זאָל פאַר אונץ א גוט וואָרט זאָגען; אָבּער יעצט האָבּען מיר א גוטען שרייער... אונזער טייערן און געליבּטן אָרגאַן „קול מבשר..." [1]).

דער דאָזיקער „ריינ יִדישער" אומגאַנגלעכער שפּראַכשטראָם (לויט זײַנע אַרויסוויַזונגען בּאַ פאַרשיידענע שיכטן מיטלבּירגער און קליינבּירגער) האָט שוין אין גאָר היפּש פאַלן געגומען די אויבּערהאַנט אינעם „קול מבשר" און דערבּײַ האָט אײַנצײַטיק נאָך געגאָלטן דער סטילגעמיש, וואָס מיר האָבּן אויבּן אָנגעמערקט.

אָפּגעשפּיגלט האָט דאָס אַלץ די גאַנצע צײַט די וואַקלונג צווישן „זשאַרגאָן" און צווישן „ליטעראַרישער שפּראַכע" אין די רייען פון די אויפקלערער. ס'איז פון איין זײַט געווען די ווירקונג פון דער ליבּעראַל־בּורזשואַזער מאַסקילישער ריכטונג, וואָס האָט זיך נעגאַטיוו בּאַצויגן צום „דערהאַלטען דעם זשאַרגאָן... און מאַכען איהן צו א ליטעראַרישער שפּראַכע" [2]) (די דאָזיקע ריכטונג האָט דערהויפּט אויסגעדריקט די שטעלונג פונעם העכערן בּורזשואַזן שיכט, וואָס האָט גענאָסן פון געוויסע רעכטלעכע פּריווילעגיעס אין דעם „נאָכרעפאָרמישן" פּעריאָד). און פון דער אַנדערער זײַט איז שוין דאָ געווען שטאַרק די ווירקונג פון דעם דעמאָקראַטישן טייל מאַסקילים, וואָס איז געווען מערער פאַרבּונדן מיט דעם אונטערשטן מיטלשיכט, ווי אויך מיט דער בּרייטערער עקספּלואַטירטער און פונעם אָנוווּקס פון קאַפּיטאַליזם רויִנירטער מאַסע. דאָס איז אויך מיינסטנס געווען די פּראָווינציעלע מאַסע, וואָס „פּראָסט יודיש" איז געווען פאַר איר די איינציק פאַרשטענדלעכע שפּראַך און וואָס האָט געשאַפן דעם גרונטשיכט לייענער פונעם „קול מבשר".

די אָפּגעמערקטע פאַרשיידנסטילִיקײַט און די סטילן־וואַקלונג איז צו טרעפן אָפּ די איבּערגאַנג־עטאַפּן פון דער ליטעראַרישער שפּראַכפורעמונג בּיקלאַל. די לעקסישע בּונטקײַט וועגט דאָ נאָך אַלעמאָל אַריבּער די סעמאַנטישע גענויקײַט און אָפּגעזוצטקײַט (אויך אינעם סינטאַקס פעלט נאָך אָפט די אָרגאַניזירטע און די אויסגעהאַלטענע קאָנסטרוקציע).

אָפּ די שפּאַלטן פונעם „קול מבשר" האָט זיך שוין אָבּער צו יענער צײַט געשטעלט די עצעם פראַגע פון א מער אײנהײַטלעכן יִדיש פאַר בּרייטערע מאַסן. ס'איז דאָ געווען בּאַדינגט פון דעם פאַרלאַנג צו „אַלגעמיינ ווירקן" אזוי, „אז אַלע זאָלען קריגען איין דעה, וואָס גוט און וואָס רעכט איז לטובת הכלל".

---

[1]) „קול מבשר", 1863, נומ. 35, ז. 569.

[2]) דאָרטן, 1869, נומ. 9.

אין דער אָנמערקונג צו ליפשיצעס „די פיער קלאססען" האָט שוין צעדערבוים („ארז") דאן געשריבן:

„דאָס אָרימע לשון איז ערשט אַלליין געטהיילט אין עטליכע ארטען — גרויס־פוילישׁ, קליין־פוילישׁ, ליטווישׁ און געמישט מיט רוסישׁ, גאליציש, מאָלדאווישׁ וכדומה. מילא פון איין מדינה צו דער אנדערער איז גאָר א גרויסער חילוק... אפילו פון איין שטאָדט אין דער אנדערער אויף עטליכע מייל, רעדט מען אין איטליכער אנדערש, און מען בעדיענט זיך מיט אנדערע ווערטער. וויא אזוי דארף מען היינט טוהן אז מען ווילל מאכען א גראמאטיק, וועמיס לשון וועט מען אָנעמען פאר דעם עיקר... מיר וואָלטען גערין אז אונזער צייטונג זאָלל זיין פאר אללע גוט היע, אין פוילין, אין ליטא און אין גאליציען, דאמיט מיר זאָללען פועלען וואָס מיר ווינטשען, אללע יודען צו פעראייניגען איינער זאָלל זיך אינטערעסירען פאר דעם אנדערען אז אללע זאָללען קריגען איין דעה, וואָס גוט, און וואָס רעכט איז לטובת הכלל... דאריבער בעטען מיר, אז אללע... זאָללען אונז זייער מיינונג זאָגען, עפּיס א מיטטעל־וועג צו געפינען, מיר זאָל קעננען יוצא זיין אללע דעות, כדי מיר זאָללען קעננען אלגעמיין ווירקען..." [1].

אין פארשיידענע ערטער ווערט עס איבערגעכאַזערט אינעם „קול מבשר". דער דאָזיקער געדאנק צו געפינען עפּעס „א מיטטעל וועג", צו „אלגעמיין ווירקען" האָט נאָך אָבער צו קיין גאָר מאַמאָשעסדיקע רעזולטאטן ניט געקענט ברענגען. צו גרויס איז נאָך געווען די וואקלדיקייט אין דער עצעם שטעלונג צום „שטום לשון", צו ניט זיכער איז דאָ נאָך געווען דער פארלאנג צו מאכן ביקלאָל „דיא שפּראכע פאר א לשון".

קלאָרער און אויסגעהאלטענער האָט זיך די דאָזיקע פראגע וועגן געוויסער פאריינהײַטלעכונג געשטעלט ערשט שפּעטער אפ די ווײַטערדיקע עטאַפּן פון דער אנטוויקלונג פון יידיש אפ א ברייטערער דעמאָקראטישער באזע.

3

שוין אין די ערשטע יאָרן פונעם דערשײַנען פונעם „קול מבשר" איז אין געוויסע דעמאָקראטיש־אופקלערערישע קרײַזן רייף געוואָרן דער געדאנק צו שאפן דעם ווערטערבוך פון דער וואקסנדיקער שפּראך. געפונען האָט עס דאן דעם שארפסטן אויסדרוק אין ליפשיצעס אופקלערערישער פראָגראם שוין אפ די שפּאלטן פונעם „קול מבשר" און ספּעציעל אין זײַן פרוכטבארער לעקסיקאָגראפישער ארבעט. אינעם דעמלטיקן רוסלאנד איז עס, אייגנטלעך, געווען אזא ערשטער לעקסיקאָגראפישער אופטו, וואָס האָט דאן אופגעבונדן די מעגלעכקייטן פון יידיש פאר ווײַטערדיקער אנטוויקלונג און אין דער ריכטונג פון א געוויסער פאריינהײַטלעכונג פון דער שפּראך.

כאראקטעריסטיש איז וואָס די מאסקילישע טראדיציע האָט אויך ליפשיצן געשטויסן צוערשט אופשטעלן א דײַטשיש־יידישן און א יידיש־דײַטשישן ווערטערבוך.

[1] „קול מבשר", 1863, נומ. 24, ז. 392.



ווען ליפשיץ האָט וועגן דעם מיטגעטיילט אינעם „קול מבשר", האָט גראָד „ארז" (צעדערבוים) צוגעגעבן אין אן אָנמערקונג:

„עס איז זעהר א נוטצליכע זאך, עס וואָלט א יושר געווען אז דער מחבר זאָלל עס פארטיג מאכען און אָפּדרוקען. נאָר אונז דאכט זיך עס וואָלט אפשר נאָך גלייכער געווען צו מאכען א יודיש־רוסיש און רוסיש־יודיש אויספיהרלעך ווערטער בוך און דערביי בעמערקען אללע יודישע ווערטער און אויסדריקע אין פערשידענע פראָווינצען" [1].

ליפשיץ האָט ליידנשאפטלעך און פלײַסיק געזאמלט און טרײַ געשאַפן ווערטער:

„מע האָט שאין אזאָי אויך גענוג טערים געמאכט פון מיר, אז מע פלעג מען אמאָל כאפּן מיט א נאטיצביכעל אין די הענט בשעת איך האָב מיר פארצייכענט יודישע ווערטער, וואָס איך האָב גראד דערהערט אָדער וואָס זיינין מיר איינגעפאלען..." [2].

באזונדערס הארב איז דאן געווען די פראָבלעם פון א יידישן רייסטער, כאָטש ליפשיץ האָט שוין געהאט די דערפארונג פונעם רוסיש־יידישן ווערטער־בוך:

„וויא מע זעהט ארויס, האָט הר' פּאוולאָווסקי אין זיין דייטש־רוסיש וו"ב אסך מער מיה אין צייט פארבראכט, וויא אין יענעם חלק... מען האָט אויך דערדאָזיקער חלק וו"ב אסאך מעהר מיה געקאָסט וויא דער ערשטער חלק, כוץ דעם וואָס האָב נאָר געמיסט שעפּען ווערטער, מיט אויסדריקע פין דער ליפּט, אין דערנאָך זייא ערשט אויסשעכעווען נאָך'ן א. ב." [3].

פונקט ווי דער אופקום פונעם פובליציסטישן צײַטונג־זשאנר, אזוי איז אויך דער אופקום פון א ווערטערבוך געווען פארבונדן מיטן וווּקס פון די קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישן. אין אלגעמיין איז עס געגאנגען אין גילטיק מאכן די שפּראך אפ א נײַער בורזשואַז־דעמאָקראטישער באזע לויט „אללע יודישע ווערטער און אויסדריקע אין פערשידענע פראָווינצען".

אין זײַן לעקסיקאָגראפישער ארבעט האָט ליפשיץ געשטרעבט ארויסצוברענגען די פארשיידענע אייגנטימלעך־נאציאָנאלע רעסורסן פון דער שפּראך. דערבײַ איז דאָ צו פילן ליפשיצעס אָנשטרענגונג צו האלטן זיך בא געוויסע סינטעזירנדיק־פארייניקנדיקע ריכטליניעס אפ דער באזע פון דעם אוקראַיניש־דיאלעקטאלן שפּראך־אומגאנג (אין לעקסיק, אין פאָרמעס, אין אָרטאָגראפיע).

ס'וואָלט, פארשטייט זיך, געווען ניט ריכטיק צו זען בא ליפשיצן בלויז די דאָמינירנדיקע אומגאנגלעך־„פאָלקסטימלעכע" ליניע, ווי מיר טרעפן עס אין שטיפס אָפּשאצונג, אשטייגער [4]. בא ליפשיצן איז שארף אָנזיכטיק געווען דער לאָקאל־מאסעווער „יידישער" פלאסט. דער דאָזיקער פלאסט איז אָבער ניט געווען קיין איינהײַטלעכער. פארשיידענע בירגערלעכע שיכטן האָבן געהאט זייער

[1] „קול מבשר", 1863, נ. 23.

[2] י. מ. ליפשיץ. רוסיש־יודישער ווערטער־ביך, 2 פארבעסערטע אופלאגע (הקדמה). זיטאָמיר 1874. מײַנע אונטערשטרייכונג.

[3] י. מ. ליפשיץ יודיש־רוסישער ווערטער־ביך. (הקדמה). זיטאָמיר 1871.

[4] נ. שטיף — י. מ. ליפשיץ דער לעקסיקאָגראף. די „יידישע שפּראך" 1928, 4—5.

פאַרשיידענעם שפּראַך־אומגאַנג. און צו דעם מאַסעווען פּלאַסט האָט נאָך ליפשיץ היפּש אַרײַנגעבראַכט פון דעם דעמאָלטיקן שריפטלעך־ליטעראַרישן יידיש, וואָס איז אויך ניט געווען קיין איינהײַטלעכער. איז בײַ דער אָנזיכטיקער פאַרײנהײַטלעכנדיקער טענדענץ שפּיגלען נאָך ליפשיצעס ווערטערביכער אָפּ אין אַ היפּשער מאָס די לעקסיש־סעמאַנטישע בונטקײַט פון דעם דעמאָלטיקן ליטעראַרישן, יידיש ביקלאַל [1]).

ליפשיץ איז דאָ נאָך אָפּט געבליבן געפאַנגען פון דער סטיכיע, פון דער נאָכגעלאָזענער קאָלעקציאָנעריי „פון פאָלקס־מויל”, ווי פון דער פּובליציסטיק און פון דער ליטעראַטור אַף די פּאָרעטאַפּן:

איזדאַטשאַ, זשאַלאָוואַניע, דאָסאַדע, וונימאַניע, אַוואַזשעניע, אָביאַווען, אוטווערדען, אָסנאָוואַניע, בעסעדעווען, וויגאָוואָר...

אָפּצע, סטרימענט, אַנטילעריע, דעזענטיר, דעקיראַציע, מעניציע (אַמוניציע), טעריאַטער (טעאַטער)...

דאָס איז באַזונדערס צו טרעפן גראָד אין דעם יידיש־רוסישן ווערטערבוך, וווּ אַזוינע ווערטער קומען אָפט אַלס די אײַנציקע אויסטײַטשן (אין רוסיש־יידישן ווערטערבוך קומען זיי אויך צווישן אַנדערע ווערטער).

אַזאַ „פּאָשעטער” וואָרטשטאָף האָט זיך דאָ איבערגעקרייצט מיט היפּש לאָמדיש־העברייִזירטן בוכשטאָף. און דאָס איז גראַדע דאַן, ווען ליפשיץ האָט שוין געהאַט אַ שאַרפע שטעלונג צו די, וואָס „האָבן זיך קאַליע געמאַכט דעם מאָגן מיטן פאַרשימלטן העברייִש”. און דאָס איז גראַדע דאַן, ווען ליפשיץ האָט שוין אויך געוווּסט פון אָנצײַען גאַנץ נײַעם וואָרשטאָף פאַר יענער צײַט, — גערמאַניזמען, ווי אויך געוויסע אינטערנאַציאָנאַליזמען.

אין ליפשיצעס ווערטערביכער פילט זיך שטאַרק דאָס דאָזיקע „לאַווירן” צווישן „פּראָסט יודיש” און צווישן „העכערער שפּראַך”. מיר וועלן ברענגען בלויז אַ קלײנצעטל אילוסטראַציעס פון אַזאַ „העכערער” שפּראַך, וואָס פלעכט דורך גאַנצע אויסיעס פון די ווערטערביכער (ספּעציעל איז עס ווידער פאַרשפּרייט אינעם יידיש־רוסישן ווערטערבוך):

בהקיץ — На яву

כללות — Общественность

מאן דאמר — Спеціалистъ

מושכל ראשון — Аксіома

משולש — Треугольникъ

מדידה, הנדסיה — Геометрія

בשלומא — Допустимъ

חכמת אלוקות — Матафизика

ס'ווערן אויך צוגעצויגן העברייִזמען, וואָס אַנטשפּרעכן פּאַקטיש ווייניק וואָס דער זאַך. אַזוינע העברייִזמען זײַנען דאַן באַדינגט געווען פון דער נאָך רעכט אומדיפערענצירטער לעקסיק און סעמאַנטיק:

---

[1]) אהער גייט אַרײַן אין אַ היפּשער מאָס אויך די „פּאָרגעשיכטע”, די שפּראַך פונעם פריִיקן האַסקאָלע־פּעריאָד, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין דער טעטיקײַט פון אַזוינע מאַסקילים ווי מ לעפין („משלי”, „קוהלת”), כ. הורוויץ („צפנת פענח”) א. א.



רוח הקודש — Вдохновеніе

פסוק — Виршъ

פסק — Декретъ

מחילה — Амнистія א. א.

כאַראַקטעריסטיש איז בײַ ליפשיצן (ספּעציעל אינעם רוסיש־יידישן ווערטערבוך) אויך די „נייטראַלע” אָנהויערונג פון פאַרשיידענע סעמאַנטעמעס, וועלכע ווערן־דאָ רעדוצירט צו איינציקע און צו איינהײַטלעכע, אָפּטמאָל יידישלעכע באַטײַטן:

דאָס אופשטײַג, מיאַטיעזש, בינט, תחית המתים — Возстаніе

שמועס, דרשה — Бесѣда

אָפּפרעגער, מקשן — Возразитель

פאַריכטעכטס, תיקון — Выправка

חומרה, דער שווערער פאַל, די שאלה, אַ שווער לעהנען — Казусъ

דאָס פאַרדילטקײַט, פאַרטימלטקײַט, דיא בהלה, דאָס גערידער, געטימל, דיא מרידה, רעוואָליוציע, דער בונט — Смятеніе א. א.

ליפשיצעס ווערטערביכער בלײַבן אָבער וויכטיקע שפּראַך־געשיכטלעכע דענקמעלער צו דער פּראָבלעם פון פּרוּוון רעגולירן און ווי ס'ניט איז פאַרײנהײַטלעכן לויט יענע באַדינגונגען דעם ליטעראַרישן יידיש פון דער באַרירטער עפּאָכע (אָריענטירט אין אַלגעמיין אַף דער אויבן־אָנגעמערקטער גרונט־טענדענץ).

אין וואָס איז עס דאָ געקומען צום אויסדרוק?

1. ס'איז דאָ געווען גאָר היפּש פאַרטראָטן די קערנדיקע יידישע מאַסן־לעקסיק. די דאָזיקע לעקסיק האָט זיך דורכגעריסן אומעטום בײַ ליפשיצן דורך דער רייד־סטיכיע און דורך דער אַלגעמיינער לעקסישער בונטקײַט. זי איז דאָ געקומען מיט דער אייגנטלעכער באַטײַטיקײַט, ווי אויך מיט איר רעאַל־שטייגערישער עמאָציאָנעלקײַט. זי איז געווען אַרומגעוואַקסן מיט פּראָוועלאַניע.

א.

אומגאַנג — Эпидемія, болѣзнь

אונטערגאַנג

אָפּגאַנג — Сбытъ, станокъ

אײַנשיט

האָב

גאָב

געווערג (מעכאַניזם)

הינערפלעט (לעטאַרגיע)

אײַנבילדונג

אײַנגייער

אײַנגעלויף

אײַנפאָהר — Гостинница, Заѣзжій домъ

ב.

אונטערשיסעלעכ — Каверза, ковни, интриги, коварство, сплетни

שוויצער — Щеголь, франтъ

בײַטלשנײַדער — Обманщикъ, мошенникъ, карманщик

גאָלדשפּינער — Золотопрядильщикъ, быстробогатѣющий

שאָדנווינקל — Повредитель, пакостникъ

זאָגטער (מאָסער)

באַטאָגט — Пожилой

פאַרקנאַקט (שיקערלעך)

ג.

אָטעם, אין איין אָטעם,

קערצער אָטעם, כאַפּן דעם אָטעם...

איג, אין די איגן (זאָגן).

איג אַף איג, אינטער פיר איגן,

האָבן אַף עפּעס אַן איג,

איגענבליק...

2. ס'איז דאָ זייער רײַך געווען פאָרגעשטעלט דער מאַטעריאַל אַף וואָרט־בילדונג לויט דער יִדיש־גערמאַנישער אַפיקסירונג. גאַנצע שפאַלטן זײַנען דאָ פאַרנומען מיט די אויסבילדונגען אַף:

אוועק — (צווייטע ז.), איבער — (3 ביז 6), אײַן — (9—12), אום — (13—14), אינטער — (14—16), אויס — (אים — 17—24) א. אז. וו.

אַזוי איז עס אויך מיט דער סופיקסירונג אַף:

ער — אָנשטעלער (Сластолюбецъ, плотоугодникъ), וואָילטעקער (Шутъ, скоморохъ), אויסגלייכער (Посредникъ), שטעלער (רעגוליאַטער), בײַקומער, באַלעגערער, פּאָלגער...

וואַרג — (אײַזנוואַרג, גרינוואַרג, לעדערוואַרג, שפּילוואַרג, שטריקוואַרג (Снасти)...

3. אומגאַנגלעכער ריידשטאָף ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט מיט פאַרברייטערטן באַטײַט, אַפּסנײַ סעמאַנטיזירט:

נאָכקלערער — Слѣдователь
אַליין־געלערנטער — Самоучка
ריס — Расколъ
פאַרנעם — Объемъ
צונויטן זיך — Напрягаться
אופלויפן — Холмиться
אָנהענגען — Приписывать א. א.

4. מיט די מיטלען פון דער יִדישער (גערמאַנישער) וואָרטבילדונג ווערט דאָ געשאַפן נײַער וואָרטשטאָף:

אײַנהיל — Обертка, накидка
שווימעריל — Плавокъ
חאַפטירל — Западня
מיטגעבערל, מיטגיבעלע (אופטראַג)
העבעלקע — Рычагъ
לופט־טירל — Клапанъ, заклепка
האַרטלײַביק — Черствый
פאַלש־געמיינט — Мнимый
הימל־פאַרב — Лазурь

5) ס'איז דאָ צו טרעפן א גאַנץ רײַכע מאַסן־סינאָנימיק:

דערשטיקעניש, ענגשאַפט, געשטיפעניש, ערדטריטעניש (Давка), ליידנשאַפטלעך, גײַציק, אינטערעסירט, פאַרגלײַכט, שטאַרק אַרײַנגעלאָזט, אײַנגעריכט... אײַנגעטיילט, פאַרטיילט, אופגעלייגט, גענייגט, געשטימט (Располо-женный)...

6. ס'ווערט דאָ היפּש אַרויסגעבראַכט האָמאָנימיע לויט די פאַרשיידענע באַטײַטן (אין קאָנטעקסט):



אײַנגעבן (א פּראָשעניע, א רעצעפּט, סייכל)
אײַננעהמען (א רעצעפּט, בײַקומען, אײַנזאַפּן... א מיתה משונה)
אָנציהען (ציכן, א זייגער, א מכה, פון טעע)
אויסגעשפּילט (לאָטעריי, א פידל, געראָטן)

די באַטײַטן ווערן דאָ צומאָל אונטערגעשיידט דורכן אַרטיקל:

די אייניציקײַט (единность), דאָס אייניציקײַט (единство)
די פליסיקײַט (жидкость), דאָס פליסיקײַט (текучесть)

דאָס איז בלויז געלעגנהײַטלעך און אין קורצן וועגן ליפשיצעס ווערטערביכער אַף וויפל ס'איז געבונדן מיט אונדזער טעמע, מיט דער פּראָבלעם פון די פּרווון צו רעגולירן און צו פאַרײַנהײַטלעכן די יִדישע שפּראַך אין באַשטימטע צײַטאָפּשניטן.

פון די דאָזיקע ווערטערביכער איז, אַגעוו, פאַראַן וואָס צו יאַרשענען באַם אײַנשטעלן געוויסע לעקסיק אויך פאַרן איצטיקן געברויך. דאָ זײַנען אָפט פאַראַן פּאַסיקע באַצייכענונגען פאַר געצײַג, מאַטעריאַל, אַרבעט־פּראָצעס, נאָמינאַציעס פאַר באַלעכאַים און געוויקסן. דאָס איז ביקלאַל צו קריגן היפּש קערנדיקע מאַסנטימלעכע, ווי אויך פון דער ליטעראַטור אַרײַנגעבראַכטע און געשאַפענע לעקסיק, וואָס קען נאָך איצט אויך גוט צונוץ קומען.

4

א העכערע שטופע פון דער דאָזיקער רעגולירנדיקער און פאַרײַנהײַטלעכנדיקער טענדענץ אַף א דעמאָקראַטישער באַזע איז געווען אין יענע יאָרן די ליטעראַריש־קינסטלערישע טעטיקײַט פון דער קליינבירגערלעכער קלאַסיק. מע קען עס זען, אַנשטייגער, אַף די ערשטע עטאַפּן פון מענדעלעס שאַפן, וואָס האָט זיך, אַגעוו, אָנגעהויבן נאָך אַף די שפּאַלטן פונעם „קול מבשר". ווי באַוווסט, האָט דאָ מענדעלע צוערשט פאַרעפנטלעכט „דאָס קליינע מענטשעלע" (1864) [1]. אַף מענדעלען האָט דאָ, אַגעוו, ניט קיין קליינע ווירקונג געקענט האָבן ליפשיץ, איינער פון זײַנע דעמלטיקע בערדיטשעווער גוטע פרײַנט. געוויס איז אויך ליפשיץ געווען פון די, וואָס זײַנען, ווי מענדעלע דערציילט אין זײַנע ביִאָגראַפישע נאָטיצן, צו אים

„צוגעשטאַנען, און איינעם איז בא אונדז געבליבן אופצומונטערן און אָנצורעגן (להעיר ולעורר) דעם אַרויסגעבער פון „המליץ", ער זאָל אַרויסגעבן א צײַטשריפט אין דער שפּראַך פון אונדזער פאָלק... און איך בין געוואָרן באַגײַסטערט (ותנח עלי הרוח) און האָב אָנגעשריבן מײַן ערשטע דערציילונג „דאָס קליינע מענטשעלע" [2].

אין יִדיש האָט שוין דאַן מענדעלע געהאַט דערזען מערער „נוצן פאַרן פאָלק", ווי אין העברייִש, און די דאָזיקע

„ליבשאַפט צום נוצלעכן האָט אין מיר געזיגט איבערן פוסטן קאָווער" [2].

וועגן דעם צושטאַנד פון דער יִדישער שפּראַך צו יענער צײַט האָט דאַן מענדעלע פאַרצייכנט:

---

1) אויך לינעצקי — „דאָס פוילישע יִנגל" (1867).
2) פון „ספר זכרון", וואַרשע, 1890, 123.

„...געווענ א פּוסטע קיילע, ניט פאַרמאָגט קיינ גוטע זאַכ אַכוצ אַסאַכ פלאַפּלעריי... פונ שויטימ אונ פונ שטאַמלערס (נלעגי לשון)... [1]

פונ דעמלט אָנ האָט מענדעלע

„זיכ פאַרליבט אינ יידיש אונ... פאַרקנאַסט צו זיכ אַפּ אייביק”... [1])

אונ מיט א ברייטער האַנט האָט ער גענומענ שאַפנ פאַר דער יידישער שפּראַכ

„די באַלזאַמענ אונ די גאָבנ (מנותיה), וואָס איר קומט, אונ זי איז געוואָרנ א דאַמע (מטרוניתא) א שיינהייט מיט גוטנ כיינ”... [1]).

אונ אַזוי איז מענדעלע פונ די 70־קער יאָרנ אָנ געוואָרנ דער וויכטיקסטער פאָרשטייער אונ דער פּאַקטישער גרונטלייגער פונ דעמלטיקנ קינסטלערישנ (אונ ניט בלויז קינסטלערישנ) ליטעראַרישנ יידיש.

מענדעלע האָט זיכ ערנסט פאַרנומענ מיט רעגולירנ אונ מיט פאַרייַנהייטלעכנ די שפּראַכ לויט איר יידישנ מאַסנטימלעכנ „אייגנאַרט”. געטאָנ האָט ער עס (סיי) אינ לעקסיק אונ פראַזעאָלאָגיע, (סיי) אינ סינטאַקס. אינ לעקסיק האָט די דאָזיקע טענדענצ פונ פאַרייַנהייטלעכנ געהאַט אַרומגעכאַפּט אינ היפּש פאַלנ דייַטשמעריזמענ ווי העברייִזמענ, סלאַוויזמענ, ווי דיאַלעקטיזמענ. מענדעלע האָט דערופּ געאַרבעט גע־טריי פונ אויסגאַבע צו אויסגאַבע. אַלס געוויסע איליוסטראַציע דערצו וועלנ מיר פאָרלויפיק ברענגענ אַביסל מאַטעריאַל לויט דריי אויסגאַבעס פונ דער „קליאַטשע” (1873, 1888, 1913).

| אַנשטאָט | אינ דער 2 אונ 3 אויפלאַגע |
|---|---|
| פּאָלזע | נוצנ |
| (א שטיינ) אַראָפּגעוואַליעט (פונ האַרצנ) | אַראָפּ... |
| סאָסלאָוויעס | שטאַנדנ (3־טע אויפלאַגע) |
| לופּענ (די פעל) | שינדנ |
| דאָסטאַווענ | צושטעלנ |
| ראַזנאָשטשיקעס | טענדלער |
| נאַזנאַטשעט | באַשטימט |
| אופּראַזש | געשפּאַנ (3־טע אופלאַנע) |
| סוועדעניעס | יעדיעס |
| (געטאָנ) בישליימעס | גאַנצ געטריי |
| האַנהאָגעס | פירונגענ |
| (געבנ) האַשגאָכע | אַכטונג... |
| טאַרומעס | פאַרדראָס |
| (א פּאָר יאָר) לעערעכ | אַקעגנ (א פּאָר יאָר) |
| מעשולאַכעסנ | אָנשיקענישנ |
| מעסאַדער זייַנ | אויסשטעלנ |
| מאַכזיר אומוידיע זייַנ | אופּרופנ |
| מייַמעד | צושטאַנד |

[1]) דאָרטנ.



| | |
|---|---|
| (דאָס איז) מעראַמעז | אַנ אָנצוהערעניש |
| סיידער האָוילאָמ | גאַנג פונ דער וועלט |
| (זאָגנ) א שעמ | א שפּרוך |
| קוינע שעמ געווענ | האָט מיט אימ די וועלט געקלונגענ |

ענלעכע בייַשפּילנ קענ מענ טרעפנ בא מענדעלענ אויכ אינ אַנדערע ווערק (זע וועגנ דעמ אויכ ווייַטער).

מע דאַרפ נאָר ניט מיינענ, אַז מענדעלע האָט מעכאַניש אַרויסגעוואָרפנ איינע לעקסישע עלעמענטנ צו פאַרבייַטנ זיי גלייַכ מיט אַנדערע מער „יידישע” לעקסישע עלעמענטנ.

מענדעלע האָט ניט סטאַמ אומגעביטנ א סלאַוויש אַפּ א יידיש־גערמאַניש וואָרט. ער האָט עס אומגעביטנ אַפּ א פּאַראַנענ גאַנגבאַר יידיש וואָרט: נוצנ (פריער — פּאָלזע), געשפּאַנ (פריער — אופּראַזש), שינדנ (פריער — לופּענ)...

דערבייַ האָט ער אויכ א סלאַוויש וואָרט געביטנ אַפּ אַנ אַנדער סלאַוויש וואָרט, וואָס איז געווענ מאַסנטימלעכער אָדער מער אַדעקוואַט: וויטענ זיכ (פריער — זדראַסטעווענ זיכ [1]), בייַקעס (פריער — סקאַזקעס [2])...

צומאָל האָט ער קלאָר ניט געביטנ אַזוינע ווערטער, נאָר „געיידישט” זיי לויטנ געגעבענעמ וואָרט (א שטיינ אַראָפּ — אַנשטאָט אַראָפּגעוואַליעט) אָדער געפּאַסט דאָס סלאַווישע וואָרט מיט א גערמאַנישנ וואָרט אָדער אויסדרוק, אַרויסבאַקומענדיק דער־פונ א מער אויסדריקלעכע קאָמבינאַציע:

איכ קענ ניט צוזענ... ווי מע סלוזשעט עפּעס פאַר אַנ אופּגעקומענעמ גווירל...

...ווי מע סלוזשעט, גייט אַפּ די שפּיצ פינגער פאַר...

מענדעלע האָט אויכ געלאָזט גאָר היפּש אומגאַנגלעכע סלאַוויזמענ ביז דער לעצטער אויסגאַבע. דאָס זייַנענ געווענ אייַנגעבירגערטע סלאַוויזמענ אָדער מאַסנ־טימלעכ אייַנגעפּאַסטע אינעמ יידישנ פראַזעאָלאָגישנ אויסדרוק (מייַנסטנס זייַנענ עס אויכ געווענ סלאַוויזמענ, געמייַנזאַמע פאַר די אַרומיקע סלאַווישע שפּראַכנ, ספּעציעל פאַר אוקראַיניש אונ ווייַסרוסיש):

| | |
|---|---|
| כודאָבע | טשופּרינע |
| האָדיווליע | זלידניע |
| ציקאַווע | פּאַרע |
| פּראַצע | |

Normative

| | |
|---|---|
| זיכ אוועקגעשטעלט דיבאָמ | נעמט זיכ אָנ די קריוודע |
| אַרויספּאַלנ באָקאָמ | לאָז עס כאָטש בלייַבנ בעסאָד כאַטע |
| געפּאַלנ ווי א סנאָפּ | פּאָקרעשקע |

ביז א לעצטער אויסגאַבע האָט מענדעלע געלאָזט אויכ סלאַוויזמענ (דערהויפּט רוסיזמענ), וועלכע ער האָט ביקלאָל ניט געשטרעבט צו פאַריידישנ אָדער פאַר

[1]) אוקר. — вітатися, ווייסר. — вітаць, פּויליש — witać(się).

[2]) אוקר. — байка, פּויל. — bajća. בייַקע האָט אינ יידיש מערער די שאַטירונג פונ אויסטראַכ־טעניש, פונ פּוסטע מייַסעס. אַזוי פּאַסט זיכ עס אויכ בעסער מיט מענדעלעס טעקסט.

וועלכע ער האָט עפּשער נאָך ניט געקענט אויסגעפינען דעם געהעריקן ייִדישן אדעקוואַט (אזוינע ווערטער קומען צומאָל אין פּיסלעך):

| | |
|---|---|
| „דיעלע“ | סבאָרשטשיק |
| „סליעדסטוויע“ | סמאָטריטעל |
| (באַצאָלט) „קופּעטשעסטווע“ | פאָזשארנע קאָמאנדע [1] |
| | דאָקלאַד |

באַנאַנד דערמיט טרעפן זיך בא מענדעלען פאַלן פון אומנייטיקן, צומאָל ייִדישלעכן אויסמײַדן סלאַוויזמען, ספּעציעל אין א לעצטער אויסגאַבע, אשטייגער.

קליין מענטשעלע.

| 1879 | 1907 |
|---|---|
| אין דער לופט זײַנען אומעטום געפלויגן לאַנגע ווײַסע פעדעם פויטינע, א סימען אַף גוטע שיינע פּאָגאָדע, כאָטש דער לועך האָט געשריבן אַף כמארנע טעג, קאַלטע רעגנס און בלאָטע. | ...לאַנגע ווײַסע פעדעם שפּינגעוועב... ...גוט שיין וועטער, האַגאַם... ...וואָלקנדיקע טריבע טעג און קאַלטע רעגנס. |

באַנאַנד מיט די פאַריִדישטע „פּויטינע“ און „פּאָגאָדע“ זײַנען דאָ אויך פאַרביטן געוואָרן די אײַנגעבירגערטע און פּאַסיקע סלאַוויזמען — כמארנע און כאָטש, דערבײַ איז בלאָטע גאָר ארויסגעפאַלן.

אָדער:

מאַסאָעס

| 1878 (1904) | יובֿיליי־אויסגאַבע (1911־1913) |
|---|---|
| א ביטערע דאָליע | א ביטערער כיילעק |
| די פערד האָבן זיך ראַספּאָלאָשעט | ...דערשראָקן |
| א גאַנצע שטעטל האָט זיך דאָרט פאַרקליבן אַף א וויכטיקער וואַזשנער אסיפע | ...אַף א וויכטיקער אסיפע. |

פון אזוינע ענדערונגען האָט דאָ מענדעלעס רעאַליסטישע שילדערונג ניט געוווּנען אין אויסדריקלעכקײַט.

העבראַיִזמען האָט מענדעלע אין א היפּשער מאָס פאַרביטן אַף גאַנגבארע ייִדישע ווערטער און אויסדריקן:

פּירונגען (פריִער — האַנהאָגעס), פּאַרדראָס (פריִער — טאַרומעס), (דאָס איז אַן אָנצוהערעניש (פריִער — דאָס איז מעראַמעז), גאַנג פון דער וועלט (פריִער — סיידער האָוילאָם), ווען אָבער גאָט העלפט, אַז עס וועט אָפּלויפן בעשאָלעם (פריִער — איינע דוימע...)...

דערבײַ האָט ער אויך פאַרביטן א סלאַוויזם אַף אַן אײַנגעבירגערטן העבראַיִזם:

יעדיִעס (פריִער — סוועדעניעס), געהאַט בעדייע (פריִער — זיך נאַמערעט), הויצאָעס (פריִער — ראַסכאָדן) [2].

---

[1] די דאָזיקע בײַשפּילן, ווי אויך די פריִער געבראַכטע, זײַנען גענומען לויט די אויבנדערמאָנטע אויסגאַבעס פון דער „קליאַטשע“.

[2] דאָרטן.



ספּעציעל וואָס שײַעך צו העבראַיִזמען און צו אַרכאַיִש־ייִדישלעכן שטאָף ביקלאַל בא מענדעלען, דאַרף מען אין זינען האָבן אָט וואָס. אין היפּש פאַלן — און וואָס ווײַטער אַלץ מערער — איז מענדעלע געוואָרן גאַנץ צוריקגעהאַלטן מיטן דאָזיקן שטאָף. ער האָט אויך אין איינע ווערק צומאָל געלאָזן העבראַיִזמען, וועלכע ער האָט אין אַנדערע ערטער פאַרביטן אַף ייִדישע ווערטער (אשטייגער, די דערמאָנטע „האַנהאָגעס“, „טאַרומעס“, וואָס זײַנען פאַרבליבן אזוי אין „ווינטשפינגערל“, אין „שלוימע רעב כאַיִמס“). אָנגעהויבן האָט מענדעלע אָנצוווענדן אזא שטאָף מיט צילן פון אופּרײַס און סאַטירע. וואָס ווײַטער האָט ער אָבער אַלץ מערער האַנאָע און רעספּעקט געקראָגן פאַרן אַרכאַיִש־ייִדישלעכן „נוסעך“. דאָס איז צו מערקן בא אים באַזונדערס אין די 90־קער יאָרן און ווײַטער. ס'האָט געשטימט מיט מענדעלעס אָפּגיין פון די פריִערדיקע ראַדיקאַלערע פּאָזיציעס.

די אויבנדערמאָנטע וואָרט־פּרוּוון מענדעלעס ווערן באַזונדערס קלאָר, ווען מיר קוקן זיך צו וויאַזוי ער האָט ביקלאַל וואַריִירט פאַרשיידענע לעקסישע עלעמענטן, אויסזוכנדיק דאָס וואָרט, וואָס איז מער אָנגעמאָסטן פאַרן געגעבענעם טעקסט:

נאַלאָגן, אָפּגאָבן, נעסינעס; שטוקעס, אָנשטעלן, גוורעס; סקאַזקעס, מײַסעס, פּיזמוינעס, בײַקעס, שמאָכטעלײַען...

און דאָ האָט ער מיט א באַזונדערן פלײַס ארויסגעהויבן און ליטעראַריש איבערגעקנאָטן די מאַסן־עלעמענטן פון ייִדיש.

פון די האַמוינִיש־דיאַלעקטאַלע רייד (דערהויפּט פון אוקראַיִנישן און אויך ווײַסרוסישן ייִדיש) האָט מענדעלע געפּרוּווט אָפּקלײַבן אָנגעמאָסטענע אויסדרוק־מעגלעכקײַטן פאַר דער ליטעראַרישער שפּראַך. מיר וועלן דערמאָנען אייניקע אזוינע בײַשפּילן:

אצינד גייט דאָס ייִדל האָפּערדיק, בעגראַנדע... („ווינטשפינגערל“).

ווו האָסטו ביז אצינד געהינעט! נעמט כײַע־טרײַנע דעם מאַן אָפּ ציהונדער... („פישקע“).

פיר רעדלעך ניט קיין גלײַכע, געקרעמפּעוועט מיט שטריקלעך און א קרעמפּעלעץ צווישן די פלעקלעך. די אויסגעסמילעוועטע קלעצלעך... (דאָרטן).

די דאָזיקע אײַנוווינער שײַען זיך אויסצורייניקן די בלאָטע... („מאַסאָעס“).

דערבײַ האָט מענדעלע ביז גאָר רײַך אָנגעווענדעט די סינאָנימיק און די קאָלערליי וואָרט־שאַטירונג לויט די פאַרשיידענע לעקסישע באַשטאַנד־טיילן פון ייִדיש:

א ייִנגל א שויטע, א ווײַסעדכעווערעניק, א דראַב, א טויגעניכטס, א לוי־יוצלעך... („קליאַטשע“).

ער איז ניט געווען פון די טונעיאַדעווקער פײַנע בריִעס, פונעם דאָרטיקן צימעס און דער גילדענער פּאָן... („מאַסאָעס“).

מענדעלע האָט מיט פולע הויפנס ארויסבאַקומען די פּאַראַנענע פאָרמעס פון נעם וואָרט און האָט אומגעהײַער באַרײַכערט די שפּראַך מיט מאַסנטימלעכער נײַער וואָרטבילדונג, וואָס בײַשפּילן דערצו קען מען קריגן שיר ניט אַף יעטווידן זײַטל פון זײַנע ווערק.

צו דער גאָרער פלייסיקער און זאָרגזאַמער ארבעט איבער דער שפּראַך האָט מענדעלע געשטויסן דער דראַנג לעקסיש און סעמאַנטיש צו פאַררייניקן־טלעכן דעם אַלץ וואַקסנדיקן ליטעראַרישן יידיש אַלס געווער פון אויפקלערונג און קולטור פאַר די ברייטסטע מאַסן. גילטיקער, ווירקעוודיקער מאַכן די שפּראַך פאַר די ריידער און לייענער פון פאַרשיידענע דיאַלעקטן און געגנטן האָט מען געקענט דורכן מינערן דעם פאַרנעם פון די שמאָל־לאָקאַלע צומישן, דורכן באַוווּסטזיניקן אָפּקלייַבן און דורכן איבערשמעלצן די דיאַלעקטאַלע רעסורסן, דורכן רעגולירן דעם סטיכישן אָנוועהנד פון דייַטשמעריזמען, רוסיזמען, אוקראַיניזמען, פּאָלאָניזמען, העברייִזמען.

צו מענדעלען (ווי צו דער קינסטלערישער קלאַסיק בכלל) איז אַפּ אַן אייגנאַרטיקן אופן שייַך די פּאָלגנדיקע ארויסזאָגונג גאָרקיס:

„דער אומבאַשטרייטלעכער ווערט פון דער פּאַררעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס אָנגעהויבן פון פּושקינען האָבן אונדזערע קלאַסיקער אָפּגעקליבן פונעם שפּראַך־כאַאָס די אמערסטן פּינקטלעכע, העלע, וואָגיקע ווערטער".

און ס'איז נאָך אַ גרויסע פּראָבלעם צו ווייַזן דעם גאָרן פאַרנעם פון מענדעלעס איבערקאָנסטרוירן און פאַררייניקן־טלעכיקן פורעמען די שפּראַך אַפּ דער באַזע פונעם מאַסן־יידיש (דאָ האָבן מיר בלויז געקענט דערמאַנען וועגן דעם, — ס'איז פאַר זיך אַ ספּעציעלע און אַ גרויסע טעמע). זייַן ארבעט אין דעם פּראַט האָט דאָך אַפּ אַ לאַנגער צייַט באַשטימט דעם גאַנג פון דער ווייַטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם ליטעראַרישן יידיש. דאָ שטייט נאָך היפּש פּאָר צו דערלערנען און זיך צו לערנען בא מענדעלען, ווי בא דער יידישער קינסטלערישער קלאַסיק בכלל.

5

די פּראָבלעם צו פאַררייניקן־טלעכן די ליטעראַריש־יידישע שפּראַך אַפּ אַ דעמאָקראַטישער באַזע איז אויך ספּעציעל געשטעלט און באַהאַנדלט געוואָרן אין די 80—90־קער יאָרן. אינעם שטעלן און אינעם וועלן לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם האָבן זיך אָפּגעדריקט עטאַפּ באַזונדערס שאַרף געפילט די נאַציאָנאַליסטישע „טשוועטענדענצן, וואָס האָבן דאַן פאַרכאַפּט היפּשע שיכטן פון דער בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. די אויפקומענדיקע קאַפּיטאַליסטישע מעגלעכקייטן (פאַר און נאָך דער פּויערישער „רעפאָרם") האָבן, ווי באַוווּסט, גערייצט און געצויגן היפּשע טיילן אויך פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. מע האָט פאַרגלויבט געגומענע ארויסקוקן אַפּ „דען מילדען רעגיערונג פון אונזער קייסער".

פון דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אינעם נאָכרעפאָרמישן פּעריאָד האָט געגאָסן בלויז דער שטאָטישער בורזשואַ, דער פּאָדריאַטשיק, דער גרעסערער סוחער און פאַרמיטלער.

דער אָנוווקס פונעם קאַפּיטאַליזם האָט אָבער גלייַכצייַטיק מיטגעבראַכט די רויִנירונג פון די ברייטע מאַסן. אין דער יידישער סוויווע האָט עס פאַר אַלעמען געטראָפן די מאַסן פונעם האָרעפּאַשנעם און פונעם הענדלערישן קליינבירגערטום, ווי אויך אייניקע גרופּעס פונעם מיטלבירגערטום. ס'איז פאַרשמעלערט געוואָרן די באַזע פאַר די ביזקאַפּיטאַליסטישע פּאַרנאָסעס. קיין נייַע עקאָנאָמישע אויסזיכטן זייַנען



ניט געווען פאַר דער צונויפגעשטיקטער און צונויפגעפּרעסטער שטעטלשער מאַסע פון „טכום".

פון די אויסקוקענישן אַפּ יעשועס פאַר יידן, וואָס זייַנען געווען בא היפּשע טיילן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזט. פאַרקערט, עס האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פּאַס בלוטיקע פּאָגראָמען (1881—1882). מיט די פּאָגראָמען האָט די צאַרישע זעלבסטהערשונג זיך געפּרוווט אָפּווענדן אַפּ די יידישע קעפּ די אָנוואַקסנדיקע אומצופרידנקייַט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן.

אַנטוישט אין דעם „אַלגעמיינע בירגערלעכן", אינעם „מענטשלעכן", האָט זיך אַ היפּשער טייל פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ האַסטיק אַ קער געטון צו די אייגענע „געצעלטן".

דער דאָזיקער קער לאָזט זיך טאַקע פילן אין די זאַמל־אויסגאַבעס, וואָס זייַנען דערשינען אין די 80—90־קער יאָרן (ספּעקטאָרס „הויז־פרייַנד" און שאָלעם־אלייכעמס „פּאָלקס־ביבליאָטעק" האָבן אָנגעהויבן דערשייַנען אין איינ־ און דעם זעלביקן יאָר—1888).

די דאָזיקע זאַמלונגען האָבן דאַן אין יענער „קאַלטער געשיכטע־צייַט"[1] באַצייכנט דעם שאַרפן נאַציאָנאַליסטישן קער צום „לעבענס־פּאָללען יודישען גייַסט"[1] צום „עוויגען פּאָלקס־גייסט"[1], וואָס דערמיט דאַרף מען

„שטאָלצירען און ביי זיך ניט אראָפּפאַלען אפילו אין די שלעכטע צייטען, אַכטען דאָס יודישקייט און וואַרעמען דאָס אייביקע פייערל — דאָס פּינטעלע יוד![2]

אָפּגערופן האָט זיך עס אויך אַפּ דער שטעלונג און אין דער באַציִונג צו דער שפּראַך פונעם „גאַנצן פּאָלק".

מע האָט איצט באַזונדערס שאַרף געשטעלט דעם טראָפּ אַפּ „ריין־יודיש", אַפּ אַ „לויטער יודישער שפּראַכע".

מע איז ארויסגעטראָטן קעגן איראָפּייִזמען און אינטערנאַציאָנאַליזמען:

„...וועגן איראָפּעיזירן אונדזער מוטער־שפּראַך... קען דאָס געמאָלט זיין ווען מיר יודען זאָלען טאַקע מעהר ניט פאַרמאָגען ווי די איינציגע יודישע שפּראַכע. נאָר געלויבט זיין ליבער נאָמען מיר פאַרמאָגען אַ דריי גורענדיגע שפּראַכע ווי העברייִש און די לאַנדשפּראַכע, וואָס יעדער יוד מוז און דאַרף קענען, דאַרפען מיר נאָך „איראָפּעיזירען" די יודישע שפּראַכע, אַנדערש ניט, עס געהעט טאַקע אין לעבען!"[3]

און דערבייַ איז שוין גראָד ארויסגעהויבן געוואָרן דאָס „עכט־יודישע", דאָס יידישלעך־פּאָלקסטימלעכע:

„...יעדען שרייַבער אין זיין פּאָלקסשפּראַכע מוז און דאַרף טהייער זיין יעדער אויסדריק, וואָס איז פערבליבען פון זיין באָבע־יענטעס צייט און מיר זעען דאָס בא אַללע שרייבער פון אַללע איראָפּייִשע שפּראַכען... פאַר וואָס

[1] יצחק קאַמינער. אַ בריעף צום הערויסגעבער. די יודישע פּאָלקס־ביבליאָטעק. ערשטער בוך. קיעוו, 1888.

[2] פון מ. ספּעקטאָרס אַרייַנפיר צום „הויז־פרייַנד", צווייטער בוך, 1889.

[3] „הויז־פריינד". 5־טעס בוך, 1896. די יודישע שפּראַכע.

זשע זאָלען מיר יודען זיך שאהמען מיט אונזערע אויסדריקע ווי אונדזערע זיידעס האָבען אמאָל גערעדט..."[1])

פונ די דאָזיקע פּאָזיציעס איז שוינ איצט געפירט געוואָרנ דער קאַמפּ קעגנ „טיעפ־דייטש", קעגנ דער גערדיכטער העבּרייזירונג, וועלכע האָט שטאַרק געמינערט די ראָל פונ יידיש אלס מאסעווע קולטור־געווער, קעגנ „רוסישע דיבּורים".

„...ס'איז מחיה נפשות אָנצוקוקען ווי אייניגע ניי־געבּאָרענע זשארגאָניסטנ קריכען פון דער הויט, דראפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, שמייסען זין אליין אלע טאָג מיט נייע המצאות: אָט ווילט זיך זיי דער זשארגאָן מאכען פאר א גאנצען דייטש... אונ אָט ווינען זיי איהם גאָר מגייר און מאכען איהם לשון קודש'דיג אזוי, אז לייענענדיק אזא מין ניי לשון פון „שבק חיים לכל חי געווען". „נותן יד לפּושעים זיין", „לעשות נקמה בגויים געווען", „האוחז ביד זיין", און נאָך פיעל אזעלכע יהודישע אויסדריקע... אז מיר האָבען אזעלכעס, דאכט זיך אונדז, אז/ מיר זעהען פאר זיך א פוילישען ירושלמי, אָדער א איבּערגעטויפטען גר, וואָס האקט מיט שטיקער סידור: „א רוצה לעשות ברכה זיין ולשתות מעט וואָדקע עם זאקוסקע, אייערבייגל—בורא מיני מזונות"... [2]).

„...אָפּט מאָל... נעמט ער רוסישע ווערטער און שרייבט זיי גופא פשוט איבּער מיט יודישע אותיות—און יוצא. אזוי וועט איהר געפינען בּא איהם גאנץ אפטליך אזעלכע ווערטער ווי למשל: טאָלפּא, אָטפּראוועט, פּאָסטאוציק, ראסוזשדעניעס, דיעסטוועווען, קאטאיעט א. ד. גל. גאָר אמאָל פערדייטשערט ער זיך אזוי משונה, אז מע קען מיינען ער רוקט ארייז חינעזישע ווארטער. דערפאר אָבּער דאָרט, ווו ער צע'בריה'ט זיך שוין אמאָל צו שרייבען ריין יודיש קומט עס שוין אויס עכט יודיש, וואָס יודיש הייסט. למשל כאפּט אָן אזא פראזע: „ניט דארפין זאלעווין הייך און הערצויישענד קרעכצען, צו אכענען—אפשר נישט יודיש—נו אפשר נישט יודיש פון יודיש־לאנד 96 פּראָבּע" [3]).

די לעצטע שורעס זיינען, אייגנטלעך, געווענ געווענדעט קעגנ די „ליטווישע אויסדריקע", קעגנ דעמ שמאָל־לאָקאלנ אינ דער שפּראַך.

סיי אינ דער „פאָלקס־בּיבּליאָטעק", סיי אינעמ „הויז־פריינד" ווערט אינ א ריי ערטער בּיקלאָל געשטעלט די פראגע וועגנ איינ „אידיאָמ", וואָס דאָס זאָל זיינ דער פויליש־אוקראַיִנישער דיאַלעקט. ס'איז, הייסט עס, דער „אידיאָמ" פונ דער מערהייט יידנ אונ מיט

„דעם וואָהלינישען זשארגאָן קען מען פיעל מעהר נוצען ברענגען ווי אויף אנדערע אידיאָמען, וואָס א קליינע צאָהל יודען רעדען" [4]).

הײנט שרײבּנ דאָך

[1]) „הויז־פריינד". 5־טער בּוך, 1896. די יודישע שפּראַכע.

[2]) די יודישע פאָלקס־בּיבּליאָטעק. ערשטעס בּוך, 1888, רבּי קצין. די ניי־זשארגאָנישע ליטעראַטור. 341 (פּוסנאָטע).

[3]) די יודישע פאָלקס־בּיבּליאָטעק. צווייטער בּוך, 1889, רבּי קצין. נײַע בּיכער. ז. 302 (וועגנ דער איבּערזעצונג פונ לעוואנדעס „דער פּוילישער מאגנאט").

[4]) זע וועגנ דעמ „פאָלקס־בּיבּליאָטעק", 1, 475, „הויז־פריינד" 2, 174.



„כמעט אלע בעסטע פאָלקס־שרײבּער.. וואָהליניש..."[1])

ס'איז אויכ אופגעקומענ דער גערדאנק וועגנ א „זשארגאָנישער גראמאטיק", וואָס אָנ איר

„וועט בּא אונדז זיין א בהלה איז דער שפּראַכ" [2]).

ס'האָט זיכ שוינ געשטעלט די פראגע וועגנ אויסגלײַכנ די אָרטאָגראַפיע [2]).

ניט געקוקט אפ די אויבּנ־בּארירטע נאַציאָנאַליסטישע ווירקונגענ, האָט די פּובּליציסטיק פונ יענע יאָרנ זיכ ערנסט פארנומענ מיט א געוויסער רעגולירונג אונ פארײנהײַטלעכונג פונעמ ליטערארישנ יידיש אונ האָט (בּאנאנד מיט דער קינסטלערישער קלאסיק) מיטגעבּראכט אונ געשאפנ אזא וואָרטשטאָפּ, וואָס האָט געקענט אויסגענוצט ווערנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער אונ סאָציאַליסטישער יידישער ליטעראַטור.

## 6

די רעוואָליוציאָנערע אונ סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט אפ אירע ערשטע אנטוויקלונג־עטאַפּנ אויכ ניט געקענט זײַנ פרײַ פונ געוויסער „פרעמדווערטערײַ". ס'איז קלאָר, אז מייסטנס איז דאָס געווענ גאָר אנ אנדער „פרעמדווערטערײַ", אונ פונ גאנצ אנדערע קלאסנ־קוואלנ איז זי געקומענ. ס'איז אָבּער געווענ אויכ אינ דער עלטערער רעוואָליוציאָנערער אונ סאָציאַליסטישער אגיטאַציע־ליטעראַטור ווו דײַטשמעריזירונג, ווו רוסמעריזירונג אונ ווו אויכ העבּרייזירונג.

פאר די טוערס פונעמ לאָנדאָנער סאָציאַליסטישנ פאריינ איז, ווי בּאוווּסט, נאָכ בּיקלאָל געווענ א פראגע—יידיש צי דײַטש:

„עס וואורדע געפראגט, אָבּ פארטרעגע, איז דער דייטשען שפּראַכע ניצלעך זינד, דיא מעהרצאָל ווארען דאפיר דאס נור זאלכע פארטרעגע אימ פעראיין געהאלטען ווערדען זאללען וועלכע אין איינער אללען פערשטענדליכע שפּראַכע געהאלטען ווערדען [3]).

ווינטשעווסקי דערציילט אינ זײַנע דערינערונגענ:

„...איכ בּינ געווענ אזוי פארדײַטשט, אז מיר פלעגט דאנ, אונ צו א געוויסנ גראד נאָכ מיט יאָרנ אונ יאָרנ שפּעטער זײַנ זייער שווער צו ריידנ יידיש... איכ פלעג אינ א פריוואטנ געשפּרעכ אונ אפילע אינ דער עפנטלעכקײַט, דערציילנדיק א מײַסעלע, לעמאָשל, רעדנ זייער גלאט אָט טאקע ווי די מאמע האָט מיכ געלערנט... קוימ אָבּער האָבּ איכ גענומענ רעדנ מײַסע רעדנער, ערנסט זוכנדיק עפּעס וואָס צו בּאווײַזנ, פלעג איכ ארײַנפאלנ אינ הויכדײַטש... פלעג איכ זיכ כאפּנ, אז מײַנ אוילעמ פארשטייט מיכ נישט אונ פלעג נעמענ מישנ דײַטש מיט יידיש... ליבּערמאנענ איז אינ דעמ פּראַט אויכ נישט פיל בּעסער געגאנגענ..." [4]).

[1]) דאָרטנ.

[2]) זע וועגנ דעמ, אשטייגער, דעמ „הערויסגעבּערס" (שאָלעמ־אליינכעמס) ארטיקל „וועגען זשארגאָן אויסלעגען". פאָלקס־בּיבּליאָטעק 1, 474.

[3]) פּראָטאָקאָל פונ זעכסטען זיצונג. פּנקס אגודת הסוציאליסטים העברים בּלונדון. דער אָנהייבּ פונ דער סאָציאַליסטישער בּאוועגונג. היסטאָרישע שריפטנ, ווילנע, 1 בּאנד.

[4]) מ. ווינטשעווסקי. געזאמלטע ווערק, ניו־יאָרק 1927, ב. 10. ערינערונגענ. 2 טייל.

אין דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער בראָשור „יהי אור“, אָנגעשריבנ אינ 1879, געדרוקט אינ 1885 „אים זעלבסטפערלאגע דעם פערפאסערס“ (ווי ס'שטייט אפנ שארבלאט), לאָזט ווינטשעווסקי אויס די „אונטערהאלטונג“ [1]:

„לאָמיר טרינקען אויף דאָס וואָהאָל זיין פון דער גרויסען אידעע פונם ניינ־צעהענטען יאָרהונדערט, וועלכע הייסט „סאָציאַליזמוס“ און שרייען „יהי אור“[2].

באָוושאָווער האָט געזונגענ וועגנ

„נאָבלען קאמף, וואָס גיבט האָפנונג“

אונ גערופנ —

נור געארבעט, ניט געצעגערט,
ניט געפוילט זיך, נור געוויינערט,
אימער פאָרווערטס א. אז. וו.[3])

אזוינע דייטשמעריזמענ האָבנ מיר ביקלאל היפש בא באָוושאָווערנ (ווי בא ווינ־טשעווסקינ, עדעלשטאטנ) אינ לעקסיק, אינ וואָרטבילדונג, אינ זאצבוי. אסאך דער־פונ איז מיט דער צייט פארבייטנ געוואָרנ אינ יידיש אפ פאסיקערנ אונ אפ מער צו־געגנגלעכנ וואָרטשטאָפ. דערביי דארפ מענ אָבער געדענקענ, אז דורך די עלטערע רעוואָליוציאָנערע דיכטער (ווי דורך דער עלטערער רעוואָליוציאָנערער פובליציסטיק) האָבנ פריש ארייַנגעפלאָסנ אינ יידיש פיל נייטיקע אונ פראָדוקטיווע גערמאניזמענ, וואָס האָבנ פארברייטערט די דעמאָקראטישע אונ די סאָציאַליסטישע עלעמענטנ פונ דער שפראך, וואָס האָבנ דעם ליטעראַרישנ יידיש געמאכט אויסדריקלעכער פאר „פרייַהייט־קאמפ“ אונ „באוווסטזיינ“, פאר „פאָרשריט“ אונ „פאָרווערטס אימער פאָרווערטס“ (וועגנ דעם אויך ווייַטער).

וואָס שייַך צו רוסמעריזמענ, איז דערמיט געווענ פול די שפראך פונ די ער־שטע קרייַזלעך אונ קאָמיטעטנ, די שפראך פונ דער אגיטאציע־ליטעראטור אינעם דעמלטיקנ רוסלאנד. דאָס איז איבערהויפּט געווענ צו טרעפנ פאר פּאָליטיש־אומגאנג־לעכע, ארבעטער־שטייגערישע באגריפנ. די ערשטע יאָר ארבעטער־באוועגונג האָט די שפראך געווימלט מיט —

„ראבאָטשע, סאָבראניע, סוואָבאָדע (סלאָבאָדע), סאָיוז, סטאטשקע, אָביסק, פּאָדנאדזאָרנע, סאמאָדערזשאוויע, ראוונאָפראוויע א.אז.וו.[4])

געזונגענ האָט מענ אינ איינע פונ פיל אזוינע לידער:

א זאבאסטאָווקע האָבנ מיר געמאכט,
מיר האָבנ ניט אויסגעפירט.
די דיקארנ זייַנענ צו דער ארבעט געגאנגענ,
די סאָזנאטעלנע האָט מענ ארעסטירט.

---

[1]) אפנ שארבלאט—„איינע אונטערהאלטונג איבער די פערקעהרטע וועלט“. די בראָשור איז גע־שריבנ אינ דער פאָרמ פונ א דיאַלאָג צווישנ אווטער מיט זייַנעמ א גוטנ פרייַנט.

[2]) די האקדאָמע גופע איז נאָך געשריבנ אינ העברייִש, אזוי אויך די „15 איקרים“ פונ סאָציאַ־ליזמ, לויטנ שניט פונ די רעליגיעזע „אני מאמינס“.

[3]) י. באָוושאָווער. געזאמלטע שריפטנ. ניו־יאָרק, 1911, ז. 15 (דיכטונג־לוסט).

[4]) בא די ערשטע רעוואָליוציאָנערע דיכטער האָבנ מיר דאָ געהאט די אנגליציזמענ: שאָפ, וואָרקשאָפ, סוועטינג־סיסטעמ, סוועטשאָפ, סלעק (ארבעטלאָזיקייַט), פארמאנ (מייַסטער), דזשענעראל־סטרייַק א. אז. וו.



אָדער:

מיר זייַנענ פּראָלעטאריאט, וואָס הייסט ראבאָטשי נאראָד...
טאָ שרייַט־זשע ברידער: „נאראָד וופּעריאָד!
וופּעריאָד, וופּעריאָד!“[1])

אינ דער ערשטער רעוואָליוציאָנערער צייַטשריפט אינ יידיש, וואָס א גרופּע נאַ־ראָדנאָוואָלצעס האָבנ ארויסגעלאָזט אינ פעטערבורג[2]), טרעפנ מיר:

„קרייפאסט, סלוזשבע, ציננאָווניקעס, קופּצעס, זאקאָנעס, דוכאָווניקעס,
פּראוויטעלסטוואָ, פּאָמעשציקעס...

אינ אלגעמיינ האָבנ מיר שוינ אָבער דאָ דעמ מאסנטימלעכנ יידיש, וואָס וועט זיך באזונדערס לאָזנ פילנ אינ ווייַטערדיקע אזוינע אויסגאבנ:

„...פּראוויטעלסטוואָ העלפט דעם פאבריקאנט, און דער פאבריקאנט העלפט
אונטער פּראוויטעלסטוואָ. אזוי פיהרט זיך בא אונדז! ווער עס ארבייטעט,
לעבט אין אָרעמקייט אין צרות אין שקלאָווערײַ, און ווער עס ארבייט ניט,
לעבט אין פארגעניגען, אין ווייַלטאָג און כבוד!...“

מיט רוסיזמענ איז אויך געווענ פול געוויסער מאטעריאל, וואָס האָט זיך געדרוקט אינעם „יודישנ ארבעטער“, דעם ערשטנ ארבעטער־אָרגאנ אפ יידיש אינעם געוועזע־נעם רוסלאנד[3]). באזונדערס איז עס דאָ געווענ צו טרעפנ אינ די מיטיילונגענ פונ די ערטער, אינ די קאָרעספּאָנדענצנ אונ באריכטנ, וואָס פלעגנ טיילמאָל געדרוקט ווערנ מיט די לאָקאל־דיאַלעקטאלע אייגנטימלעכקייַטנ: פּאָמעסציקעס, אָטראשל, לי־צנא, סאָביראיענ, פּאָלאָזעניע, שמערצנער סלוציי א.אז.וו.

א באזונדער מינ בונטקייַט האָט דאָ נאָך געהערשט אינ דער וואָרטפאָרמ: שטאצקע— סטאצקע — סטאטשקע, בורזשואזנער (קלאססען־חאראקטער) — בורזשואזישער (גן עדן התחתון), מעכאניצעסקי—מעכאנישע (שוכווארג)...

מיט דער צייַט האָט די שפראך פונ דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור גענומענ אראָפּווארפנ פונ זיך דעמ אנדערשפראכיקנ וואָרטשלייער, וואָס האָט איר אָרגאניש ניט געקליידט אונ געשטערט צו ווערנ פאראייַנהייַטלעכט. דער פירנדיקער קאָמפּאָנענט איז דאָ דערהויפּט געווענ דאָס גערמאנישע אפ דער באזע פונ דעמ מאסנ־יידיש[4]).

וועגנ ווינטשעווסקי האָט זיך גענומענ ערנסט פארטראכטנ, „ווי מע דארפ שרייַבנ יידיש“ (אינעם פּעריאָד פונ „פוילישנ יודל“, 1884), איז ער געקומענ צו אזא אויס־פיר:

---

[1]) פונ אנ אלטער ליד, וואָס מע פלעגט זינגענ אינ דער ערשטער העלפט פונ די 90־קער יאָרנ.

[2]) „ארבעטער־צייַטונג“, 1881. ס'איז אגעוו, דער איינציקער נומער, וואָס איז ארויס, אונ פאקטיש דער איינציקער שפור פונ דער רעוואָליוציאָנער־פאָלקיסטישער ליטעראטור אינ יידיש.

[3]) דער ערשטער נומער איז ארויס סאָפ 1896 (שפּעטער—פונעמ 5־טנ נומער אָנ איז עס געוואָרנ א בונדישע אויסגאבע). דאָס פולע קעפל איז דאָ געווענ דייַטשארטיק: „דער יידישער ארבייטער אָרגאנ פיר די אינטערעססען דער אידישען ארבייטער אין רוסלאנד אללער לענדער פעראייניגט אייך“.

[4]) ס'האָבנ זיך דאנ אייַנגעבירגערט אויך געוויסע סלאוויזמענ: מאסאָווקע, מאיאָווקע, יאווקע, בו־אָווקע א. אנד.

ס'האָט אויך אָנגעהויבנ גילטנ די סלאווישע (רוסישע) ווירקונג אינ דער וואָרטפאָרמ (ספּעציעל בא אינטערנאציאָנאליזמענ (זע ווייַטער): קלאס (ניט קלאסע), רעוואָליוציע (ניט — רעוואָליוציאָנ), סאָציאַליזמ (ניט—סאָציאַליזמוס) א. אנד.

„...אונדזער מאמע־לאָשן איז, ווי מע זאָל זיך ניט ווענדן און דרייען, א דײַטשישער דיאַלעקט. מער ווי דאָס, ער איז פון אלע טעוטאָנישע שפּראַכן קימאַט די נאָענטסטע צו הויכדײַטש, דער ליטעראַרישער שפּראַך. דער ליטעראַרישער יידיש מוז דערפאַר זײַן אזוי נאָענט צו הויכדײַטש, ווי דאָס איז נאָר מעגלעך, ניט אָפּפערנדיק די יידישע אייגנטימלעכקײַטן און יענע לאָשן־קוידעשדיקע ווערטער און ריידנאַרטן, וועלכע זײַנען הײַנט אזוי רעכט יידיש־דײַטש, ווי „פּאָנאַר” און „פּיטיל” זײַנען הײַנט עכט רוסיש... דערפאַר מוז מען זיך באַהעלפן מיט דײַטשישע ווערטער גיכער, ווי מיט סלאַווישע דאָרטן, וווּ עס פעלן יידישע אָדער געיידישטע...” [1]

צו יענער צײַט איז דער דײַטשישער רעוואָליוציאָנערער און וויסנשאַפטלעך־מאַרקסיסטישער לעקסיקאָן ביקלאַל געווען דער גילטנדיקער לעקסיקאָן. דײַטשלאַנד איז פון דעם העלפט 19־טן יאָרהונדערט געווען דער צענטער פון דער רעוואָליוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שוין אין די 40־קער יאָרן איז

„...דאַן דײַטשלאַנד, פּונקט ווי רוסלאַנד אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט געווען שוואַנגער מיט דער בורזשואַזער רעוואָליוציע. מאַרקס האָט דאַן געשריבן אינעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט” אַז

„אויף דײַטשלאַנד ווענדן די קאָמוניסטן זייער הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט דערפאַר, ווײַל דײַטשלאַנד געפינט זיך ערעוו דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, דערפאַר, ווײַל דײַטשלאַנד וועט די דאָזיקע איבערקערעניש דורכמאַכן בא מער פּראָגרעסיווע באַדינגונגען פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע ביקלאַל, בא א פיל מער אַנטוויקלטן פּראָלעטאַריאַט, ווי אין ענגלאַנד פון 17־טן און פראַנקרײַך פון 18־טן יאָרהונדערט. די דײַטשישע בורזשואַזע רעוואָליוציע קען, אַלזאָ, זײַן גאָר אַן אומיטלבאַרער פּראָלאָג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע”.

אַנדערש גערעדט, דער צענטער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין דײַטשלאַנד.

מע קען קוים צווייפלען דערין, אַז גראַדע אָט דער אומשטאַנד, וועלכן מאַרקס האָט פאַרצייכנט אין דער געבראַכטער ציטאַט, האָט געדינט אַלס וואַרשײַנלעכע סיבע דערצו, וואָס גראָד דײַטשלאַנד איז געוואָרן דאָס היימלאַנד פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, און די פירער פונעם דײַטשישן פּראָלעטאַריאַט — מאַרקס און ענגעלס — זײַנען געוואָרן זײַנע שעפער...” [2]).

אזוי ווי אויף דײַטש זײַנען געשריבן געוואָרן די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס, האָט מען זיך דעמלט אין א היפּשער מאָס אָריענטירט אויף דײַטש באַם קאָנסטרויִרן די פּאָליטיש־רעוואָליוציאָנערע און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע. און א באַזונדערע ווירקונג האָט נאָך דאָס אַלץ געקענט האָבן אויף יידיש ווי אויף א גערמאַנישער שפּראַך.

---

[1]) מ. ווינטשעווסקי. געזאַמלטע ווערק. ערינערונגען, 2־טער טייל, ז. 127.

קלאָר, אַז מיר באַנעמען איצט דורכויס אַנדערש די פראַגע וועגן דער „נאָענטקײַט צו הויכדײַטש ווי דאָס איז נאָר מעגלעך” און „דאָס באַהעלפן זיך מיט דײַטשישע ווערטער גיכער ווי מיט סלאַווישע”. ספּעציעל וועגן די סלאַוויזמען זע ווײַטער.

[2]) 6—7, 10 אויפלאַגע, И. Сталин. Вопросы ленинизма, 1936



דאָס דײַטשישע (טיילווײַז דאָס דײַטשמערישע) האָט דאָ, ווי געזאָגט שוין, גלײַך דורכגענומען די פאַרשיידענע אָפּשניטן פונעם רעוואָליוציאָנערן און סאָציאַליסטישן לעקסיקאָן מיט — שטירצען נידער, נידער מיט, פרייהייטס־פאָנע (באַנער), עס לעבע, פּראָלעטאַריער אַלער לענדער, גענאָסע און אַרבעטסמאַן, קלאַסנקאַמפּ, קלאַסן־געגנזעצטע, קלאַסן־באַוווסטזײַן...

אזוי איז עס געווען מיט די פאַרשיידענע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַגריפן, וואָס זײַנען דאָ, אייגנטלעך, צום ערשטן מאָל דורכגעזעצט געוואָרן אין יידיש:

| | |
|---|---|
| מערווערט | וואַרע־פּראָדוקציאָן |
| מערווערטמאָס | פּראָדוקציאָנס־מיטלען |
| טוישווערט | קאָנסומאַציאָן (פאַרברויך) |
| געברויכווערט | פּראָדוצענטן |
| מעראַרבעט | קאָנסומענטן |
| אַרבעטלוין | איבערפּראָדוקציאָן |
| לוינאַרבעטער | ערצײַגניס (פּראָדוקט) |

דאָס זעלבע איז געווען מיט דער רײַכער לעקסיק פאַר האַנטווערק און מאַשינטעכניק, פאַר אַרבעט־שטייגער, וואָס איז שוין אין א היפּשער מאָס געווען אין דעם שפּראַך־אומגאַנג פון דער אַרבעטער־מאַסע:

| | |
|---|---|
| ווערקשטעל | בערשטערײַ |
| בעטריב | גאַרבאַרניע |
| האַנט־אַרבעטער | וואַלקער |
| מאַשין־אַרבעטער | וואַלקאַרניע |
| פאַבריק־אַרבעטער | פאַלצער |
| וועבער | קאַמאַשנשטעפּער |
| וועבשטול | אַרומקלעפּער |
| בערשטער | שריפטזעצער (זעצער) |
| אַרבעטסטאָג | שטרײַק (סטרײַק) |
| ציילאַרבעט | שטרײַקער (סטרײַקער) |
| שטיקאַרבעט | אַרבעטער־שוץ |
| איבעראַרבעט (איבערשטונדן) | פאַבריקס־פלוג־בלעטל |
| פאַבריקאַנט | לוינקעטניק (הויזוועבער, מינע פאַר־ |
| מײַסטער (מאַסטער) | מיטלער צווישן פאַבריקאַנט און דעם אַרבעטער) א.אז.וו. [1]) |

די יידישע רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור האָט אויף אירע ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג־עטאַפּן געשעפּט מיט פולע הויפנס פונעם גערמאַנישן קוואַל, פון די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס, צופּאַסנדיק דעמדאָזיקן וואָרטשטאָף צו דער ספּעציפיק פון דער יידישער שפּראַך.

---

[1]) דערבײַ איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויך א היפּשע צאָל סלאַוויזמען אין די פאַרשיידענע צווײַגן פון האַנטווערק, — אין שוסטערײַ. סטאָלערײַ, שלאָסערײַ, גאַרבערײַ א. אז. וו.

באַנאַנד מיט דעם דאָזיקן גערמאַנישן גרונט-קערן ווילן מיר איצט ספּעציעל אָפּמערקן די אינטערנאַציאָנאַלע לעקסיק, וועלכע האָט גלײַך פֿון אָנהייב אַרײַנגע־שטראָמט אין די רעוואָליוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס פֿון יענער צײַט.

די ייִדישע אַרבעטער-פּרעסע, די אויפֿרופֿן און פּראָקלאַמאַציעס פֿון די 80—90־קער יאָרן (ווען ס'הייבט זיך פּאַקטיש אָן אַ מאַסנווע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער), די עלטערע ייִדישע רעוואָליוציאָנערע דיכטונג,— דאָס אַלץ האָט שוין פֿאַרמאָגט אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלע לעקסיק.

ס'איז דאָ געווען, פֿון איין זײַט:

קלאַס, אָרגאַניזאַציאָן (—יע), אַגיטאַציאָן (—יע), אַגיטאַטער, פּראָקלאַמאַציאָן (—יע), בויקאָט, אינטערנאַציאָנאַל, אינטערנאַציאָנאַליזם (—וס), אינטערנאַציאָנאַליסטן, מאַניפֿעסטאַציאָן (—יע), מאַניפֿעסטאַנטן, דעמאָנסטראַציאָן (—יע), דעמאָנסטראַנטן, מיטינג, פּראָפּאַגאַנדע, פּראָפּאַגאַנדיסט, רעוואָליוציאָן (—יע), סאָציאַלע רעוואָליוציאָן, קאָמוניסטישע רעוואָליוציאָן, סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, רעוואָליוציאָנער, פּראָלעטאַריאַט, לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, פּראָלעטאַריער, סאָציאַליזם (—וס), סאָציאַליסט, מאַרקסיזם (—וס), קאָלעקטיוויזם (—וס), אַוואַנגאַרד, קאָנספּיראַציאָן (—יע), באַריקאַדן, קאָמונע, קאָמונאַרן, צענטראַל־קאָמיטעט, פּראָגראַם־מינימום, פּראָגראַם־מאַקסימום א. אז. וו.

און פֿון דער אַנדערער זײַט איז דערצו געווען קעגנגעשטעלט:

דעספּאָטיזם (—וס), דעספּאָטיע, עקספּלואַטאַציאָן (—יע), עקספּלואַטאַטער, קאַפּיטאַליסט, בורזשואַ, בורזשואַזיע, פּראָוואָקאַטער, רעאַקציאָן, קאָנטררעוואָליוציע א. אנד.

מערער ווי ווען עס איז ביז דאַן, האָט די רעוואָליוציאָנערע פּובליציסטיק און די דיכטונג פֿאַרברייטערט די באַגריפֿן־וועלט אין ייִדיש און מיטגעווירקט דעם וווּקס פֿון דער שפּראַך. אויף אַ נײַעם עטאַפּ האָט דעמאָלט גענומען ווירקן די טענדענץ צו אויסמײַדן די לעקסיש־סטיליסטישע בונקטקײַט, צו שרײַבן אַ ריינעם און אַ מאַסנטימלעכן ליטעראַרישן ייִדיש, וואָס ווינטשעווסקי האָט עס אויף זײַן שטייגער פֿאָרמולירט, ווי די ווײַטמעגלעכע נאָענטקײַט צו „הויכדײַטש", „ניטאָפּפֿערנדיק די ייִדישע אייגנטימלעכקײַטן".

## 7

דאָס אויבנגעבראַכטע איז, ווי געזאָגט שוין, בלויז געוויסער מאַטעריאַל פֿון איי ניקע פֿעריאָדן, אַלס אילוסטראַציע צו דער באַרירטער פּראָבלעם.

די טענדענץ צו רעגולירונג און צו פֿאַרײנהײַטלעכונג האָבן מיר געהאַט אין פֿאַרשיידענע צײַטן. אַוואָסער ס'ניט איז פֿולערע פֿאַרײנהײַטלעכונג האָט אָבער ניט געקענט געמאָלט זײַן אין די בירזשעוואָליוציאָנערע פֿעריאָדן. וואַקלונג און ניט־אויסגעהאַלטנקײַט האָט דאָ נאָך אָפּטערס געוועלטיקט איבער דער טענדענץ פֿון פֿאַרײנהײַטלעכונג און געשטערט זי דורכצופֿירן און אויסצופֿילן.

בלויז די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט בעמעס דערהייבן די ייִדישע שפּראַך. אין די ראַטן־באַדינגונגען האָט ייִדיש באַקומען די גרעסטע מעגלעכקײַטן צו ווערן בעמעס די איינהײַטלעכע שפּראַך פֿאַר די ווײַטסטע ווינקלען פֿון אונדזער פֿאַרבאַנד, וווּ ס'לעבן און ס'אַרבעטן די ייִדישע מאַסן.



דער נײַער און היפּש צוגעקומענער סאָוועטישער וואָרט־מאַטעריאַל האָט זיך אָרגאַניש איבערגעפֿלאָכטן אין איין געוועב מיטן געיאַרשנטן וואָרטשטאָפּ, באַ איר גאָרער און דורכויסיקער ענדערלעכקײַט אין פֿאַרשיידענער צײַט איז דאָך שפּראַך —

„ניט בלויז עפּעס באַוועגלעכס, נאָר צו דער זעלבער צײַט אויך עפּעס שטאַנדהאַפֿטיקס; ניט בלויז עפּעס געזאָגטס, נאָר צו דער זעלבער צײַט אויך דאָס אַרויסגעזאָגטע" [1].

קלאָר איז אויך, אַז דאָס „באַוועגלעכע" און דאָס „געזאָגטע" ווי דאָס שטאַנדהאַפֿטיקע" און „אַרויסגעזאָגטע" דאַרף באַטראַכט און אַנאַליזירט ווערן לויט די באַשטימטע געשיכטלעך־באַדינגטע געזעצמעסיקײַטן אין דער שפּראַך.

פֿאַר ייִדיש איז עס, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, דאָס, וואָס ייִדיש האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ גערמאַנישע שפּראַך און וואָס דער פֿירנדיקער קאָמפּאָנענט אין ייִדיש איז גענעטיש און ביז הײַנטיקן טאָג דער גערמאַנישער שפּראַך־פּלאַסט (באַ דער גאָר וויכטיקער ראָל פֿון די אַנדערע לעקסישע באַשטאַנד־טיילן).

דאָס ייִדיש־גערמאַנישע איז אויך איצט אין אַלגעמיין דער רעגולירנדיקער קריטעריִ (ווי געזאָגט שוין, דער וועזנטלעכסטער, אָבער ניט דער איינציקער קריטעריִ) באַ דער ווײַטערדיקער פֿאַרײנהײַטלעכונג פֿון ייִדיש [2].

קיינעם וועט שוין איצט ניט אײַנפֿאַלן צו האַלטן, ווי מע האָט ערגעץ־וווּ נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געהאַלטן, אַז „מע דאַרף פֿירן אַ קאַמף געגן די גערמאַניזמען, וואָס קענען אויסגענוצט ווערן פֿונעם דײַטשישן פֿאַשיזם".

דאָס האָט מען דאָ אויף אַזאַ אופֿן אײַ ניט באַנומען די ייִדישע שפּראַך אַלס אַ געשיכטלעכע קאַטעגאָריע, אײַ מע האָט ביקלאַל דאָס גערמאַנישע רעדוצירט צום בורזשואַזן ביקלאַל. דעם בורזשואַזן דײַטש איז דאָך אָבער שאַרף קעגנגעשטעלט די שפּראַך, אויף וועלכער ס'האָבן געקעמפֿט און געשאַפֿן מאַרקס און ענגעלס און אויף וועלכער ס'קעמפֿן און ס'שאַפֿן די רומפֿולע דײַטשישע און עסטרײַכישע פּראָלעטאַריער, די דײַטשישע און עסטרײַכישע באָלשעוויקעס.

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש האָט אויך אויסגעזען באַזונדערס טשיקאַווע דער באַרימטער „פּראָגנאָז" וועגן אַ ייִדיש־רוסיש, וואָס האָט דאָך געקענט אַרופֿשווימען באַ אונדז מיט אָקאָרשט אַ פֿינעף־זעקס יאָר צוריק און וואָס האָט אויף אַ געוויסן אופֿן געשטימט מיט דער שפּעטערדיקער „אַנטיגערמאַנישער" שטעלונג לעגאַבע ייִדיש:

„מיר שטייען, קען זײַן, פֿאַר אַן אָנהייב פֿון אַ נײַער ייִדישער שפּראַך, אַ ייִדיש־רוסישער, פּאַראַלעל מיט דער ייִדיש־דײַטשישער" [3].

---

[1] הומבאָלדט („אַרײַנפֿיר צו דער קאַווי־שפּראַך").

[2] גערמאַניש נעם איך דאָ אין זינען פֿון פֿורעמונג, פֿון קלאַנגלעכער מאַטעריאַליזירונג אין שפּראַך. און אין ייִדיש איז עס ניט אַלעמאָל דאָס גערמאַנישע, דאָס דײַטשישע לויט דעם איינהאַלטלעכן בוי. דאָס וואָרט קען, אַשטייגער, זײַן אין טאָך סלאַווישמעסיק, אויסגעשטעלט איז עס אָבער לויטן ייִדיש־גערמאַנישן קלאַנגלעכן פֿורעם פֿון דער שפּראַך (צוגויפֿלי, אָפּריס, הויכריידער). און אַזוינע אויסבילדונגען האָבן, ווי באַוווּסט, אַלעמאָל דורכגעשניטן די ייִדישע שפּראַך אויף דורך און דורך.

[3] א. זאַרעצקי. פּראָבלעמעס פֿון ייִדישער לינגוויסטיק. „די ייִדישע שפּראַך", 1930.

די דאָזיקע אויסערהיסטאָרישע שיר ניט „טעאָריע", וועלכע כ' זארעצקי האָט זיך דאָן, ניט היינט געדאַכט, געפּרוווט אָנקליידן אין אַן אָביעקטיוו-וויסנשאַפטלעכן שלייער [1]), איז שוין איצט אויך לאַנג אָראָפּגענומען און ווי פאַרגעסן.

אַף דער באַזע פון איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אַף דער באַזע פון איר גערמאַנישן גרונט-שיכט מאַכט איצט די יידישע שפּראַך אין ראַטנלאַנד דורך איר אופבלי און באַפרייַט זיך פון דער פּראָווינציעלער באַגרענעצטקייַט, פון שמאָל-דיאַלעקטאַלן געמיש, פון דעם אַנדערשפּראַכיקן וואָרט-מאַטעריאַל, וואָס קען זיך ניט אָרגאַניש אייַנפלעכטן אין געוועב פון יידיש און וואָס שטערט צו דער פאַרייַנהייַטלעכונג פון דער שפּראַך, — פון ניט-נייטיקע דייַטשמעריזמען, פון איבעריק געוואָרענע העברייִזמען, פון ניט-אייַנגעבירגערטע סלאַוויזמען [2]).

## 8

מיר שטרעבן איצט אין יידיש צו דער פולסטער פאַרייַנהייַטלעכונג לויט די פאַרשיידענע שפּראַך-מאָמענטן.

די לעקסישע פאַרייַנהייַטלעכונג אין יידיש (און דאָ אינטערעסירט אונדז בלויז די דאָזיקע פראַגע) קומט פאָר אַף דער באַזע פונעם גערמאַנישן עלעמענט. און דערבייַ שטייט בא דער פאַרייַנהייַטלעכונג די פראַגע וועגן געוויסע קריטעריעס פאַר די אַנדערע לעקסישע באַשטאַנד-טיילן פון יידיש (סלאַוויזמען, אינטערנאַציאָנאַליזמען, העברייִזמען).

אינעם סאָוועטישן יידיש קומען איצט פאָר נייַע לעקסישע דערשייַנונגען.

ס'מערקן זיך נייַע געמיינזאַמע שפּראַך-אַרויסווייַזונגען, וואָס זייַנען איצט אייגן דער יידישער שפּראַך, ווי דעם גאַנצן סאָוועטישן שפּראַך-פּראָצעס. אין יידיש דריקט זיך עס אויס אין דער איצט פאַרשטאַרקטער געזונטער באַווירקונג פון סלאַוויש. עס ווייַזט זיך אַרויס אויך אין דעם פרישן צופלוס פון אינטערנאַציאָנאַליזמען.

בא דער דעאַרכאַיזירנדיקער טענדענץ, וואָס קומט איצט פאָר אין יידיש (ווי אין די פאַרבאַנדישע שפּראַכן בכלל), קומט אויך אוף די פראַגע וועגן די נייטיקע און נוצלעכע העברייִזמען (אויך עלטערע גערמאַניזמען), וועגן די שוין פאַראַנענע און וועגן אַזוינע, וואָס קענען נאָך צוקומען פאַר די נייַע שפּראַך-באַדערפענישן.

איז ווי-זשע דאַרף מען זיך באַגיין מיט די דאָזיקע ניט-גערמאַנישע באַשטאַנד-טיילן אין פּראָצעס פון פאַרייַנהייַטלעכן די יידישע שפּראַך אַף דער באַזע פון איר גערמאַנישן גרונט-שיכט?

מיר וועלן איצט אין קורצן אָנווייַזן אייניקע אַזוינע אַלגעמיינע גרונט-קריטעריעס פאַר סלאַוויזמען, אינטערנאַציאָנאַליזמען, העברייִזמען.

---

[1]) ...אָביעקטיוו גערעדט, איז „איך עפן די פאַרזאַמלונג" און „איך אָטקריוואַיע די סאָבראַניע" צוויי גלייַכ-ווייַטיקע פּראָזעס פון פאַרשיידענע שפּראַכן (לאָמיר זאָגן ליטעראַריש-יידיש און יידיש-רוסיש)". דאָרטן.

[2]) דאָ גייט א רייד וועגן לעקסיק. ס'וועט אויך איצט בעהאַנדלט ווערן די פאַרייַנהייַט-לעכונג אין וואָרטבילדונג, אין סינטאַקס, אין אָרטאָגראַפיע.





סלאַוויש איז א גרונטיקער און גאָר א וועזנטלעכער באַשטאַנד-טייל אין דער שאַפונג פון יידיש. אַזוי איז עס פון די עלטסטע עטאַפּן אָן, כאָטש ניט אַלעמאָל איז עס געווען אַזוי אָנזיכטיק אין דער שריפט-שפּראַך.

מע דאַרף אונטערשיידן סטרוקטורישע (אָדער אַנאַלאָגישע) און אייגנטלעכע (אָדער אידענטישע) סלאַוויזמען אין יידיש. מיט די סטרוקטורישע סלאַוויזמען מיינען מיר די יידיש-סלאַווישע אינהאַלטלעך-אַנאַלאָגישע ווערטער מעגן זיי זייַן גערמאַניש געפורעמט („קאַלקעס": אַראָפּנעם, אָנשיט, ראַטפּאָלקאָם...). אַזוינע סלאַוויזמען האָבן אַלעמאָל דורכגעשניטן די יידישע שפּראַך אַף דורך און דורך.

די צאָל פון די אייגנטלעכע (אידענטישע) סלאַוויזמען אין יידיש איז אַלעמאָל געווען אַסאַך ווייניקער אין פאַרגלייַך מיט די סטרוקטורישע סלאַוויזמען. די געשיכטע פון יידיש ווייסט דאָ פון געוויסע צופלוסן, ווי אויך פון געוויסע אָפּפלוסן, אויב אַזוינע סלאַוויזמען זייַנען געווען צו לאָקאַל אָדער זיי האָבן געשטערט צו פאַרייַנהייַטלעכן די שפּראַך לויט איר וועזנטלעכן גערמאַנישן קריטעריִ. ס'איז אין דעם פּראַט געגוג צו דערמאָנען די לעקסיק, וואָס האָט אייַן צייַט געגאָלטן אין די ערשטע יאָרן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און וואָס איז דערנאָך פאַרביטן געוואָרן מיט גערמאַניזמען (זע אויבן ז: 9—28). דאָס זעלבע האָבן מיר אויך אויבן נאָך פריִער געזען בא א געוויסער לעקסיק אַזאַ אינעם „קול מבשר", אין די ווערק פון דער קינסטלע-רישער קלאַסיק אַף אירע פּראָטעטאַפּן.

אַפן איצטיקן סאָוועטישן עטאַפּ האָבן מיר אַף א נייַעם אויפן די טענדענץ פון דער ענלעכער יידיש-סלאַווישער סטרוקטורישקייַט:

איבערקוק, צונויפפלי, פינפהונדערטלערן, אַרויסגאַנג-טאָג, ראַטפּאָלקאָם... דורכגוס, אייַנגוס, אָפּריס, אויסגראָבונגען... גלייַכן זיך לויט... אונטערן צייכן... ווער ווערען...

מיר האָבן אויך א צופלוס פון אייגנטלעכע סלאַוויזמען, וואָס פאַר יידיש איז עס א נייַע באַרייַכערונג. די פּרעסע, די ליטעראַטור ברענגט איצט אַרייַן היפּש סלאַוויזמען, דערין אויך מאַסנטימלעכע, פאַר אַרבעט, נאַטור, שטייגער, שוין אָפּגערעדט פון די סלאַוויזמען-סאָוועטיזמען, וואָס אין א היפּשער מאָס זייַנען עס שוין איצט אינטערנאַציאָנאַלע באַגריפן (באָלשעוויק, לענינעץ, סטאַלינעץ, סטאַכאַנאָוועץ)...

באַם אַרייַנברענגען אַזוינע סלאַוויזמען אין יידיש דאַרף מען האָבן אין אויג אָט וואָס.

1. דער סלאַוויזם איז פעסט אייַנגעבירגערט אין דער שפּראַך. דעם קרייַז פון אַזוינע סלאַוויזמען קען מען פאַרברייטערן, ניט אויסזוכנדיק קיין אַנדערע מער „יידישע" ווערטער:

| | | |
|---|---|---|
| נאַריאַד | הודאָק | צוויט |
| ראַזריאַד | דאָמנע | אָזערע |
| סמעטע | ספּעצאָווקע | קריהע |
| פּוטיאָווקע | שאַכטיאָרקע | אָדליהע |
| סטאַווקע | טאָלאָקע (פּאַשע-פּעלד) | |

| | |
|---|---|
| ספראווקע | סקיבע (א שטיק אָפּגע־שניטן פעלד) |
| להאָטע | |

וי צומאָל זיינען עס מאסנטימלעכע סלאוויזמען, וואָס קומען איצט מיט גענזעל־שאפטלעך־אקצענטירטער אָנווענדונג.

דער צעיושעטער פאשיזם
די באלעגופים אָרודעווען
אויסכאָוועו נייע קאדרען

2. מע דארף פארבירגערן דאָס סלאווישע וואָרט, ווען ס׳איז אדעקוואטער אָדער ס׳איז ביקלאל פאסיקער לויטן אינהאלט לעגאבע אנדערע באצייכענונגען.

סוואָדקע. סאכאקל־רעשימע אָדער סאכאקל־פארצייכענונג — איז אי ס׳גיט ניט אינגאנצן דעם נייטיקן באגריף, אי דיביידע ווערטער זיינען הארבלעך לויט דער קאָנסטרוקציע.

אָטריאד. מאכנע איז פארעלטערט.

גראמעטע. איוורע איז געווען פארעלטערט. און אזוינע באטייטן ווי אָנטרוי־גראמעטע, לויב־גראמעטע, איז עס אויך דאָס מער אדעקוואטע וואָרט.

וואכטע. מישמוירע (אשמוירע) איז געווען ארכאיש.

כאָדאָק. מעראגל איז געווען ארכאיש[1].

3. מע דארף אויסניצן די מעגלעכקייטן פון שאטירטער באצייכענונג, וואָס דאָס סלאווישע וואָרט (די סלאווישע פאָרמע) ברענגט מיט לעגאבע אן אנדער וואָרט.

סאָוועט־ראט.

ס׳איז גלייכווערטיק אי „ראטנמאכט“, אי „סאָוועטנמאכט“, „ראטנפארבאנד“ און „סאָוועטנפארבאנד“. אָבער בלויז — פראָפּראט, פעדראט, ראטפאָלקאָם... און נייע אויס־בילדונגען קומען, אגעוו, פאָר בלויז לויט „סאָוועט“: סאָוועטיזירונג, סאָוועטיזם, סאָ־וועטיש, סאָוועטיזירן.

פאראָנדקעס — אָרדענונג־סיידער.

פאראָנדקעס גילט דאָ בלויז אין איראָניש־פאראכטלעכן זינען (אלטע פאראָנד־קעס) דאן, ווען די אנדערע צוויי ווערטער ווערן אָנגעווענדעט פאר פארשיידענע פאלן אינעם אייגנטלעכן זינען.

פאָטשט — פּאָסט.

---

[1] פון גרעסערער אַדעקוואטקייט וועגן קאָנקורירן אפילע אמאָל סלאווישע ווערטער צווישן זיך, און עס בירגערט זיך געוויינלעך איין דאָס מער אדעקוואטע וואָרט.

פוסטעפאסניק — פראָגולשטשיק.

דאָס יידיש־אוקראַיִנישע „פוסטעפאסניק“ איז צווידייטיק, דעריבער ווייניקער אדעקוואט. ס׳גיט אויך ניט אזא אויסבילדונג ווי „פראָגול“. בירגערט זיך טאקע איין — פראָגולשטשיק, פראָגול.

אָבאָז — וואלקע.

די יידישע פרעסע האָט שוין געהאט אויסגעפרווט — אָבאָז, וואלקע, קאראוואן, צוג. אויסגעהאלטן דעם פרווו האָט דאָס אוקראַיִנישע — וואלקע. געווירקט האָט דאָ, מעגלעך, דאָס, וואָס דאָס אוקראַיִני־שע לאנדווירטשאפטלעכע וואָרט איז נעענטער צום יידישן דאָרף, וואָס ליגט, אזוי צו זאָגן אין דער „זאָנע“ פון דער אוקראַיִנישער שפראך (ס׳איז צו פילן אויך בא אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע ווערטער אין יידיש). געשטויסן האָט נאָך דערצו, ווייזט אויס, אויך דאָס, וואָס „וואלקע“ דריקט אויס אן אנדער ניואנס לעגאבע „אָבאָז“ (דאָס לעצטע וואָרט טראָגט דאָך אף זיך אויך אן אנדער באטייט).



פאָטשט — אין זינען פון אנשטאלט (почта) דאן, ווען „פאָסט“ האָט זיך זיין באטייט.

4. מע דארף ניט פארמיידישן דאָס סלאווישע, אויב עס קען פארקריפלען און אָפּפרעמדן דעם אינהאלט פונעם וואָרט. דאָס איז, אשטייגער, בא די איניציאליקע פארקירצונגען: סטאָ, ציק, מאָפר, ריק...

מע דארף אויך לאָזן די טיפיש־סלאווישע באצייכענונגען אזוי ווי זיי זיינען: טשאסטושקע, סטאניצע, פּאָפּאָװטשינע, בילינע, דומע (אוקר.), ראזנאָטשינעץ, נאראָדאָוואָליעץ, אָפּריטשניק...

5. בא צוויי פאראלעלע ווערטער־באצייכענונגען דארף מען, אלס קלאל, נעמען דאָס יידיש־גערמאנישע וואָרט, ספעציעל נאָר ווען ס׳איז שוין באקאנט און גאנגבאר: זונרויזן (ניט פּאָדסאָלנוכע), שווארצבראך (ניט פאר)...

6. ספעציעל שטייט די פראגע וועגן סלאוויזמען, אלס מיטל פון שפראכלעכער אינדיווידואליזירטער און לאָקאל־קאָלאָריטישער כאראקטעריסטיק (דערהויפּט אין דער קינסטלערישער ליטעראטור). דאָס איז א קאָמפּליצירטע פראגע, וואָס דארף באזונ־דערס באהאנדלט ווערן. דער אלגעמיינער קריטערי דארף דאָ אָבער זיין — קינסטלע־ריש באַרעכטיקטע אָנווענדונג פונעם סלאווישן וואָרטשטאָף, ניט קיין סטאם פּאָטאָ־גראפיע, ווי מיר טרעפן עס נאָך צומאָל אין דער ליטעראטור.

## אינטערנאציאָנאליזמען

די אינטערנאציאָנאליזמען באשטייען, אייגנטלעך, פון גאנץ פארשיידענע לעקסישע רעסורסן: לאטיניזמען, העליניזמען, גערמאניזמען, איטאליעניזמען, אנגליציזמען. דאָס איז א מין אלשפראכלעכער אָפּשניט, וואָס גענעטיש איז ער פארשיידנשפּראכיק.

די געוויסע אינטערנאציאָנאליזירונג אין דער בורשואזער שפראך איז אלעמאָל געווען א סטיכישער און אן אומקאָנסעקווענטער פּראָצעס. ווידער איז דאָ קעסיי־דער גרויס געווען די וואקלונג צווישן בורזשואזער אינטערנאציאָנאליזירונג און צווישן דעם קאמף פאר בורזשואז־פארשטאנענער ריינקייט פון שפראך, וואָס דער־לאָזט נישט קיין „פרעמדשפראכיקע“ ווירקונג.

מיר האָבן שוין אויבן פארצייכנט וויאזוי די ארבעטער־באוועגונג איז שוין אף אירע ערשטע עטאפּן געווען פעסט איינגעשטעלט אפן אינטערנאציאָנאלן לעקסיקאָן, אלס א גאָר וויכטיקן צושטייער פאר פּראָלעטארישער שפראך. געגאנגען איז דער דאָזיקער נייער וואָרטשטאָף אויך אין יידיש פון מארקסיסטישער טעאָריע, פון רעוואָליוציאָנערער פּראקטיק, פון אינטערנאציאָנאלע פּראָלעטארישע פארבינ־דונגען.

אונדזער גרויסע רעוואָליוציע האָט צוערשט אין דער מענטשלעכער געשיכטע א הייב געטאָן דעם ווערט פון דער נאציאָנאלער פאָרם אין שפראך, אויסשטעלנדיק דעריקער אף אירע „קאָנסעקווענט־דעמאָקראטישע און סאָציאליסטישע עלעמענטן“ (לענין). זי האָט אָבער קלאָר געשטעלט די פראגע און באטאָנט דעם אינ־טערנאציאָנאלן אינהאלט פון אונדזער שפראך־בויונג, וואָס האָט ניט געקענט ניט ווירקן אויך אף דער נאציאָנאלער פאָרם גופא. און דאָס האָט פארשטארקט דעם נאטירלעכן און געזונטן צופלוס פון אינטערנאציאָנאליזמען אין אונדזערע שפראכן.

אינעמ סאָוועטישנ ייִדישנ, ווי אינ א גאנצער רײ אנדערע נאצמינדישע שפּראַכנ, האָט די צאָל אינטערנאציאָנאליזמענ גלײַכ פונ אָנהייב אָנ געקאָנט זײַנ אינ א געוויסער מאָס מערער אײדער אונ די שפּראַכנ מיט א גרעסערנ היסטאָריש־אופּגעקומענעמ אינ שוינ אָפּגעזעצטנ וואָרטשטאָפּ. דער אינטערנאציאָנאליזמ טרעפט דאָ נאָכ א פרישנ באָדנ, אונ דאָס פארהיט צומאָל פונ אויסכקירענ אנ אייגנשפּראַכיק געקינצלט וואָרט דאָרטנ, ווו ס'איז ניט נייטיק אָדער ס'איז ערגער פונעמ אינטערנאציאָנאליזמ.

מיר איז שוינ אינ אנ אנדער אָרט אויסגעקומענ צו ווײַזנ דעמ היפּשנ צופלוס פונ אינטערנאציאָנאליזמענ אינ ייִדיש [1]. אינ געוויסע אָפּשניטנ איז עס, ווי עס ווײַזט אויס, דער שטארקסטער באשטאנדטײל פונ דער שפּראַכ נאָכ איר גרונטיקנ ייִדיש־גערמאַנישנ פלאסט.

מע קענ אָנמערקנ אייניקע אזוינע קריטעריעס פונ אינטערנאציאָנאליזירונג אינ ייִדיש.

1. דער אינטערנאציאָנאליזמ קומט אלעמאָל דאנ, ווענ ער גילט אינ די ברידערלעכע שפּראַכנ — אינ רוסיש, אוקראַיִניש א. אז. וו.

דאָס איז שײַעכ צו די „געיארשנטע" ביז־אָקטיאבערישע אינטערנאציאָנאליזמענ, צו די פּאָליטיש־רעוואָליוציאָנערע (קאָמונע, דעקרעט, דעקאדע), ווי צו די אלגעמײנ וויסנשאפטלעכע ביקלאל (זײער צאָל איז גאנצ גרויס אינ אַלע שפּראַכנ). שײַעכ איז עס אויכ צו די באָלשעוויסטישע אינטערנאציאָנאליזמענ (באָלשעוויק, אָקטיאבער, ראָטפראָנט), צו די פארשײדענע נײַע ספּעציאליזאציעס פונ וואָרט־באטײַט (פּיאָנער, פּאַרפּאָסט, טעמפּנ) אונ צו די אויסבילדונגענ דערפונ (אָקטיאבער־רעוואָליוציע, באָלשעוויזירנ, סאָוועטיזמ).

2. מע דארפ פארבירגערנ דעמ אינטערנאציאָנאליזמ, ווענ ס'גילט ניט קײנ אייגנשפּראַכיקער עקוויוואלענט (מעג אינ א ברידערלעכער שפּראַכ גילטנ דערפאר אנ אייגנשפּראַכיק וואָרט).

| | |
|---|---|
| מאָדיפיקאציע | סטאטוט |
| רעזערוואציע | קאָמפּעטענצ (ве́дение) |
| רעדוצירנ | טריומפּ |
| רעפּראָדוקציע | פּראָקלאמירנ |
| אָריגינאל (подлинник) | |

3. מע דארפ נעמענ דאָס אינטערנאציאָנאלע וואָרט, ווענ עס איז אדעקוואטער אונ ווענ עס פארהיט אויכ פונ א בײַבאטײַט אינ פארגלײַכ מיט אנ אייגנשפּראַכיק

[1] „שפּראַכפראָנט" 2. 1934 י. מיר האָבנ דאָרטנ געבראַכט אנ אויספאָרשונג פונ דער לעקסיק פונ צוויי נומערנ „עמעס", געדרוקט צווישנ זיכ מיט א יאָר צענדליק: 1 מײַ 1921—1 מײַ 1931. ספּעציעל וועגנ אינטערנאציאָנאליזמענ ווײַזט זיכ דאָרט ארויס אָט וואָס: אינ „עמעס" פונ 1921 האָבנ די אינטערנאציאָנאליזמענ אויסגעמאכט 8,7 פּראָצ. פונ די ווערטער, 10,6 פּראָצ. פונ די לעקסעמעס. אינעמ „עמעס" פארנ 1931 יאָר וואקסט דאָ אויס דער פּראָצענט אינטערנאציאָנאליזמענ אינ קנאפּע צוויי מאָל אזויפל — ער דערגרײכט ביז גאנצע 14,6% פונ די ווערטער אונ 19,85% פינ די לעקסעמעס.
קלאָר, אז אזוי איז עס איבערהויבט אינ דער פּובליציסטיק, אינ דער וויסנשאפטלעכער טערמינאָלאָגיע, גאָר אנדערש וועט עס זײַנ אינ דער שײנער ליטעראטור, ווו די צאָל אינטערנאציאָנאליזמענ איז, נאטירלעכ, אסאכ קלענער.



וואָרט. דאָס איז באזונדערס שײַעכ צו טעכניש־וויסנשאפטלעכע באגריפנ: דעסטיליאציע (ניט־איבערטרײַבונג), עקסטראקט (вытяжка), דעריוואטע א. אנד.

4. מע דארפ זענ אויסמײַדנ אינטערנאציאָנאליזמענ, ווענ ס'קענ גילטנ א באקאנט אונ נאטירלעכ אייגנשפּראַכיק וואָרט: אָנפּערזאָניקײַט (ניט — אנאָמיקע), אײנצלפּויער (ניט — אינדיווידואל).

## העברײיִזמענ

וועגנ דער פּראָבלעמ פונ העברײיִזמענ ביקלאל ווי זי שטײט אונ ווי זי דארפ שטײנ לעגאבע דעמ הײַנטצײַטיקנ ייִדיש איז שוינ אויסגעקומענ גענויער זיכ ארויסצוזאָגנ. מיר האָבנ זיכ אינ אלגעמײנ ניט אָנגעשלאָסנ צו דער טעאָרעטישער האנאָכע, וואָס האלט די העברײיִזמענ פאר עפּעס א „יויצע־דויפנדיקנ", איזאָלירטנ, שיר ניט קײנ איבעריקנ באשטאנד־טײל פונ ייִדיש. ס'איז קלאָר, אז די העברײיִזמענ זײַנענ ביקלאל ניט געווענ זײַטיק ייִדיש, אויב די פראגע קענ איצט ביקלאל אזוי געשטעלט ווערנ. פונ די עלטסטע פּעריאָדנ אָנ האָבנ די העברײיִזמענ אינ ייִדיש באצײכנט אסאכ „רעליגיעז־גײַסטיקע" באגריפנ, ווי אויכ היפּשלעכ „וואָכעדיקע", „ערדישע" באגריפנ. העברײיִזמענ זײַנענ אפּ פארשײדענערלײ אויפנ אָרגאניש איבערגעפלאָכטנ אונ פארקנופּט מיט ניט־העברײיִזמענ אינ ייִדיש, אָפּטמאָל שוינ ניט צו דערקענענ.

אונ ווענ מע באנעמט די ייִדישע שפּראַכ לויט איר געשיכטלעכנ גאנג — אונ א שפּראַכ קענ מענ ביקלאל אנדערש ניט באנעמענ — זײַנענ די העברײיִזמענ אלעמאָל געווענ א שטיק געשיכטלעכ־באדינגטע געזעצמעסיקײַט אינ ייִדיש.

ס'איז אָבער געוואָרנ אסאכ ווייניקער העברײיִזמענ אינעמ סאָוועטישנ ייִדיש. אונ ס'ווערט נאָכ ווייניקער. אזוי איז עס, אויב עס פארשטײנ דעריקער ווי א דעארכאיִזירנדיקע טענדענצ, וואָס נעגײע איז זי ניט גאָר קײנ העברײיִזמענ (אונ שײַעכ איז, אגעוו, די דאָזיקע טענדענצ ניט בלויז צו ייִדיש). אינ ייִדיש איז איצט די נאטירלעכע פארמינערונג פונ העברײיִזמענ א בולעטער אויסדרוק פונ דער דאָזיקער אלגעמײנער דעארכאיִזירנדיקער טענדענצ אינעמ סאָוועטישנ שפּראַכ־פּראָצעס, ווו ס'שטארבנ אָפּ אָביעקטנ אונ דערשײַנונגענ אונ ס'פעלט זיכ אויכ די נייטיקײַט זיי צו באצײכענענ.

ס'איז אָבער ניט ריכטיק צו רעדוצירנ די דעארכאיִזאציע בלויז צו דעהעברײיִזאציע, ווענ באנאנד קומט עס פאָר אויכ מיט פיל גערמאניזמענ, ווי אויכ מיט סלאוויזמענ (מעג עס בא העברײיִזמענ זײַנ אסאכ אָנזיכטיקער אונ קאָנטיקער). ס'איז אויכ ניט ריכטיק צו האלטנ, אז מיטנ ארויספאלנ פונ אסאכ העברײיִזמענ לאָזט זיכ שוינ ביקלאל אויס די באדערפעניש אינ זיי לויט ז'ער גאָרער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ ייִדיש.

אינ דער שפּראַכ ווערנ אוטיליזירט אויכ די העברײיִזמענ פאר דעמ ווײַטערדיקנ נייטיקנ וואָרטגעברויכ, וואָס אָנ דעמ וואָלט זיכ געווענ שווער צו באגײנ.

אָט זײַנענ אייניקע גרונטיקע דערשײַנונגענ וועגנ דעמ נייטיקנ ייִדיש־העברײיִשנ וואָרטשטאָפּ, וואָס קומט פאָר אָדער וואָס קענ נאָכ פאָרקומענ אינעמ הײַנטיקנ ייִדיש.

1. אײַנגעוואָרצלטע העברייִזמענ קומענ גוט צונוצ אויכ פאַר הײַנטצײַטיקע באַגריפנ. זיי באַקומענ אָפט א נײַע ספּעציִעלע באַזיניקונג:

כאַווער [1]), האַלוואָע (מעלוכע־), אַפּיקוירעס [2]), יאָנטעוו (אָקטיאַבער־, מײַ־, קולטור־), איניענ (געריכט־), ייִשעוו (אַרבעטער־), יערושע (ליטעראַרישע), כאָשעווע (לײַט), לעקאָוועד (דעמ אַלפאַרבאַנדישנ סטאַראָסטע)...

א רײַ אײַנגעוואָרצלטע העברייִזמענ ווערנ אויסגענוצט פאַר ווײַטערדיקער נײַטיקער וואָרטבילדונג ביקלאַל:

מעלוכעשאַפט, מישפּאָכעדיקײַט, באַלעגופנטום, סכוירעדיקײַט, פאַרסכוירעווענ, דורכסאַמענ (די זריִע), אָנבעהיימעדיקײַט, אָפּכאַזערונג...

2. העברייִשער וואָרטשטאָפּ גילט אינ פאַרשיידענע פאַלנ פונ אַדעקוואַטער באַצייכענונג, וועלכע קענ ניט פאַרביטנ ווערנ מיט קיינ אַנדערנ „איינפאַכערנ" וואָרט:

יעכידימ (איבערוואַנדערער), יערידע (־שטימונג), האַנאָכע (פאָרהאַנאָכע), פּניִעס (פּניִעסדיקײַט), טמימעס (טמימעסדיק), מעהוס, מעסירעסנעפּעשדיק...

3. העברייִזמענ גילטנ פאַר סינאָנימישער גענויקײַט אונ שאַטירונג:

פלאַצ (אָפּנ רויטנ), שעטעכ (ווײַנ־שעטעכ; אינ געאָמעטריִע).

באַזע (פּראָדוקציר; אינ געאָמעטריִע), יעסאָד (יעסוידעס פונ לעניניזמ).

זײַט, צאַד (צדאָדימ).

שפּראַכ, לאָשנ (מאַמע־לאָשנ, שטומ־לאָשנ, אָפּגענומענ דאָט לאָשנ).

טייל־כיילעק (טיילנ אָפּ כאַלאָקימ, אָפּ מײַנ כיילעק...; ערד־כיילעק).

טריקעניש (засуха), יאַבאָשע (суша).

4. אינ דער איצטיקער ליטעראַטור קומט צומאָל עלטערער, דערינ אויכ העברייִזירטער וואָרט־שטאָפּ צונוצ צוליב סטיליזאַציִע פונ די אָפּגאַנגלעכע — פּערזאָנ, צײַט, סיטואַציִע. צומאָל ווערט עס געבראַכט אינ קעגנשטעלונג מיט אַנדערער נײַער עפּאָכע אונ מיט דער נײַער סיטואַציִע.

„... יאַנקל ספּיוואַק איז אַרופּ אָפּ א הויפנ היי, א גלעט געטאָנ די גוליִע אָפּנ נאַקנ אונ גענומענ לערנענ געמאָרע:

— ווּעמענ דער קרײַז־אויספּירקאָמ האָט אינ זינענ געהאַט באַם אויסטיילנ מאָמענ־קוירעכ פאַר די קאַנאַלנ — ווייס איכ ניט... אַליבע דעקולע אַלמע אָבער, טײַ די בייס שאַמײַ, דאָס מיינט מענ די עלטערע ייִדנ, סײַ די בייס הילעל, דאָס מיינט מענ די ייִנגערע, האַלטנ... אַז וואָס, אַז וואָס?... אַז דעריקער קאַנאַלנ זײַנענ לעכאַטכילע אָפּ אויסטריקענענ פעלדער... האָב איכ שוינ ניט איינ מאָל געטײַנעט, אַז מיר דאַרפנ בעטנ כיילעק...

לייוויש ליבעס:

— האַזוירימ בעדימאַ, פאַרשטייט זיכ... פּשיטע... [3])

5. עלטערער, דערינ אויכ העברייִשער וואָרטשטאָפּ, ווערט אָנגעווענדעט אינ דער פּובליציסטיק, אינ דער קינסטלערישער ליטעראַטור באַם דעקאַנאָניזירנדיקנ אופּרײַסנ

[1]) אינ ליפשיצעס רוסיש־ייִדישנ ווערטערבוכ קומט באַ товарищ באַנאַנד: כאַווער, שוטעפ, קאָמפּאַניאָנ.
[2]) אינ ליפשיצעס רוסיש־ייִדישנ ווערטערבוכ קומט באַ безбожник: אַפּיקוירעס, הולטײַ, ראָשע.
[3]) ה. אָרלאַנד. „הרעבליעס". מײַנ אונטערשטרײַכונג.



דאָס אַלטוואַרג, באַם סטיליזירנ (צוליב דעמאַסקירנ) די קלאַסנ־...
באַנאַנד מיט אירע טרעגער אונ אויסדריקער, וואָס אַזא שפּראַכ־גאַנג איז באַ זיי געווענ באַהעלט מיט א באַזונדערנ מינ הייליק־אויסדערוויילטנ כיינ אונ מיט א פרומ־באַלעבאַטישנ „גוטנ טאָג":

„אונ אײַנגעהאַלטנ פונ געוויינ האָט ער זיכ קאַמ,
ווענ ס'האָט צו אימ א בליצ געטאָנ פונעמ פּאַפּיר — טאָרגאָווי דאָמ",
וואָס האָט באַקרוינט א כעזשבנ אָפּ דער זיסער לאָשנקוידעשדיקער שפּראַכ:
בישוויל האַראָשע האַיספּראַוווניק מייע ראַכ...
בישוויל האַראָשע האַיספּראַוווניק אַסאָרע ראַכ...
בישוויל זוגאָסי זלאַטע, טאַטע זיסער — אַכ!
אונ ווידער ראַכ,
אונ — קראַכ!... [1]).

אָט דאָס זײַנענ בלויז אייניקע אַלגעמיינע האַנאָכעס וועגנ די ניטגערמאַנישע לעקסישע באַשטאַנד־טיילנ, געבונדנ מיט דער פּראָבלעמ פונ דער לעקסישער פאַרײנהײַטלעכונג אינ ייִדיש ביקלאַל.

9

א וויכטיקער פּונקט פונ פאַרײנהײַטלעכונג איז אויכ די פראַגע וועגנ דעמ אָרט פונ דיאַלעקטאַלנ שטאָפּ אינ דער סיסטעמ פונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ. די דאָזיקע פראַגע גייט אונדז דאָ איצט אָנ בלויז ווי א פּראַט־פאַל לעגאַבע דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַרישער שפּראַכ, ניט לעגאַבע דער אָנפאַנגלעכער געשיכטלעכער אויסבילדונג פונ דער שפּראַכ ביקלאַל.

אָפּ געוויסע פּאָר־עטאַפּנ אינ דער געשיכטע פונ א ליטעראַרישער שפּראַכ איז נאָכ אָפּטמאָל שווער צו פעסטשטעלנ גענוי ווו הייבט זיכ אָנ דאָס נאַציאָנאַל־געמיינזאַמע אונ ווו לאָזט זיכ אויס דאָס דיאַלעקטאַל־לאָקאַלע אינ דער שפּראַכ. געוויסע ריכט־ליניעס פאַר, א מער אײנהײַטלעכ־ליטעראַרישער שפּראַכ ווערנ דאַנ ערשט אָנגעצייכנט (אָפּ דער באַזע פונ באַשטימטנ דיאַלעקטאַלנ שטאָפּ), די דאָזיקע ריכט־ליניעס זײַנענ נאָכ אָבער דורכויס בונט אונ וואַקלדיק.

אויבנ האָבנ מיר אַזוינס שוינ געזענ אָפּ א געוויסנ פּאָרעטאַפּ אינ דער אַנטוויקלונג פונ ליטעראַרישנ ייִדיש צו דער צווייטער העלפט 19־טנ י. ה. (ווענ ס'האָט זיכ, אײנצנטלעכ, ערשט געשטעלט די פראַגע וועגנ געוויסע נאָרמיר־קריטעריעס פאַרנ דעמלטיקנ ליטעראַרישנ ייִדיש). אָפּ צו „קענענ אַלגעמיינ ווירקנ" האָט מענ אינעמ „קול מבשר" אינ די 60־קער יאָרנ געזוכט „עפּעס א מיטל־וועג" צווישנ „גרויס־פּויליש, קליינ־פּויליש, ליטוויש...". ניט צופעליק איז די דאָזיקע פראַגע צוערשט אויפגעקומענ אינ דעמ דעמלטיקנ אָדעס מיט די צונויפגעלאָפענע אונ צונויפגעפאָרענע פונ פאַרשיידענע קאַנטנ אונ דיאַלעקטנ. אינ די 80־קער יאָרנ האָט מענ שוינ קלאָרער גערעדט וועגנ „איינ אידיאָמ", וואָס זײַנ זאָל עס „דער וואָלינישער זשאַרגאָנ". „וואָלינישער זשאַרגאָנ" איז דאָ באַנומענ געוואָרנ סומאַר. ס'האָט, געוויינלעכ, אויסגעפעלט דער באַשטימטער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אונ קולטורעלער צענטער מיט זײַנ „אידיאָמ"

[1]) מאַרקיש — דעמ באַלעגופס טויט, 1935, ז. 165.

אַלס באַזע פאַר געוויסער שפּראַכ-פאַריינהײַטלעכונג (ווי ס'איז אין רוסיש, אשטייגער, געוועב די „מאָסקווער אויסשפּראַכ"). און דאָכ האָט דאָס דאָזיקע סומאַר-באַנומענע „וואָלינישׂ" געהאַט א גרויסע ווירקונג אָפּ דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעמ ליטעראַרישנ ייִדיש. ספּעציעל איז עס געווענ צו זענ טאַקע אינ דער לעקסיק, וואָס זי אינטערעסירט אונדז דאָ איבערהויפּט [1]). וואָס האָט דאַנ מיטגעבראַכט די דאָזיקע „וואָלינישע" שטעלונג אינ דער פראַגע פונ פאַריינהײַטלעכונג?

1. אוקראַינע-„וואָלינ" אינ ברייטנ זינענ האָט צו יענער צײַט פאַרמאָגט א ריי באַדײַטנדיקע עקאָנאָמיש-אנטוויקלטע צענטרענ מיט א קאָמפּאַקטער ייִדישער באַפעלקערונג — אָדעס און ניקאָלײַעוו די האַפנ-שטעט, זשיטאָמיר און בערדיטשעוו (די וויכטיקסטע נאָכ אָדעס), קיִעוו. אייניקע פונ זיי (אָדעס, זשיטאָמיר) זײַנענ אויכ געוואָרנ די צענטרענ פונ האַסקאָלע (אָדעס איז דערנאָכ געוואָרנ דער צענטער פונ דער נאַציאָנאַליסטיש-ציִעניסטישער באַוועגונג אינ די 80-קע יאָרנ). די דערמאַנטע שטעט זײַנענ אויכ געווענ צ ע נ ט ר ע נ פונ „וואָלינישנ" ייִדיש, סומאַר און ברייט גענומענ (באַמ אויספּעל פונ אײַנעמ אַזאַ באַשטימטנ אויסשפּראַכ-צענטער).

2. אינ „וואָלינ" איז אופגעקומענ דער ערשטער אופקלערעריש-פּובליציסטישער אָרגאַנ אינ ייִדיש, וואָס דערפונ האָבנ מיר שוינ פריִער גענוי גערעדט. דער „קול מבשר" איז אויכ געוואָרנ די ערשטע באַזע פונ דער וואַקסנדיקער ייִדישער ליטעראַטור.

ספּעציעל אינ שפּראַכ-געביט איז דאָ אָפּגעטאָנ געוואָרנ א ריזיקע לעקסיקאָגראַפישע עפּאָכע-אַרבעט (ליפשיצ).

3. די ייִדישע קלאַסישע ליטעראַטור איז אינ א היפּשער מאָס געשאַפנ געוואָרנ אינ דער „זאָנע" פונעמ אוקראַינישנ ייִדיש (לינעצקי, מענדעלע, גאָלדפאַדנ, שאָלעמ-אַליי‌כעמ). אינ דער דאָזיקער ראַדיקאַלער פ אָ ל ק ס - ל י ט ע ר א ט ו ר האָט זיכ געלאָזט פילנ דער פאַרמאָג און דער קאָלאָריט פונעמ אוקראַינישנ מאַסנ-ייִדיש באַ די פאַרשיידנאַרטיקע שפּראַכלעכע-קאָנסטרוירונגע און ליטעראַריש-קינסטלערישע אופטועג. דאָס האָט אויכ געהאַט ניט קיינ קליינע ווירקונג אָפּ דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעמ ליטעראַרישנ ייִדיש ביכלאַל.

4. דעמ אוקראַיניש-וואָלינישנ דיאַלעקט האָבנ דאַנ די אויסדריקער פונעמ ייִדישנ פּובליציסטישנ און קינסטלערישנ געדאַנק אַרויסגעשטעלט אויכ אַלס דעמ „אידיאָמ" פונ דער גרעסערער מערהײַט ייִדנ, ווי מיר האָבנ עס שוינ פריִער געבראַכט.

אַזוי איז עס געווענ מיט דער טענדענצ פונ פאַריינהײַטלעכונג אָפּ דער באַזע פונ א געוויסנ דיאַלעקט, ווי ס'איז געקומענ צומ אויסדרוק אינ א באַשטימטנ פּעריאָד פונ דער ייִדישער שפּראַכ-אנטוויקלונג.

דערבײַ שטעלט זיכ די פראַגע, ווי גרויס איז ביכלאַל די פאַרשיידנקײַט צווישנ ייִדישע דיאַלעקטנ, ספּעציעל אינ געביט פונ לעקסיק?

די לעקסישע פאַרהעלטעניש פונ די ייִדישע דיאַלעקטנ צווישנ זיכ (ברייטערע טעריטאָריעלע דיאַלעקטנ און שמעלערע פּראָווינציעלע ריידעניש) און צווישנ דער

[1]) מיר באַרירנ דאָ ניט די פראַגע פונ אָרטאָגראַפישע און אָרטאָעפּישע נאָרמעס אינעמ הײַנטצײַטיקנ ייִדיש, ווו אינ גרונט לינט גראָד דער ליטוויש-ווײַסרוסישער דיאַלעקט, ספּעציעל אינעמ וואָקאַליזמ. ס'איז א טעמע פאַר זיכ.



ליטעראַרישער שפּראַכ פאָדערט א ספּעציעלע אויספאָרשונג. קלאָר איז אָבער, אַז אי אַלגעמיינ איז דער לעקסישער אונטערשייד צווישנ די ייִדישע דיאַלעקטנ ני אַזאַ שאַרפער אינ פאַרגלײַכ מיטנ אונטערשייד אינעמ פאָנעטיזמ (ספּעציעל וואָקא ליזמ) אָדער מיט געוויסע גראַמאַטישע פאָרמעס (די שאַרפסטע צווישנ זיי איז דער אונטערשייד אינ מינ, ווו ס'גילט, אגעוו, די „וואָלינישע" נאָרמע אינ דער ליטעראַ רישער שפּראַכ) [1]).

ייִדיש פאַרנעמט דאָ, ווײַזט אויס, א באַזונדער אָרט. רוסיש, דײַטש, — דאָס זײַ נענ אַלעמאָל געווענ שפּראַכנ פונ פ ו י ע ר י ש ע פעלקער אינ גרונט. די דיאַלעק טאַלע אונטערשיידנ זײַנענ דאָ פאַר אַלעמ געווענ א רעזולטאַט פונ דער טעריטאָ ריאַל-אָפּגעגרענעצטער ד אָ ר פ י ש ע ר אײַנגעזעסנקײַט [2]). אַזוי ציט זיכ עס דאָ נאָכ ביז איצט פונ די עלטערע פעאָדאַלע פעריאָדנ (און פונ נאָכ פריִער). די ייִדנ זײַ נענ איבערהויפּט א שטעטלש-שטאָטיש פאָלק (ספּעציעל נאָכ אָנגעהויבנ פונ די יאָר הונדערטער זינט ס'איז אופגעקומענ און ס'האָט זיכ אנטוויקלט די ייִדיש-גערמאַנישע שפּראַכ). די ייִדנ האָבנ אויכ אינ פאַרשיידענע צײַטנ דורכגעמאַכט ביז גאָר אינ טענסיוו דעמ פּראָצעס פונ אינערלעכער און אויטערלעכער אויסוואַנדערונג מיטנ גוטנ ווילנ און נאָכ מער אויס נויט. דאָס האָט אינ א היפּשער מאָס איבערגעמישט און מער געמיינזאַמ געמאַכט די דיאַלעקטנ צווישנ זיכ.

אויב נעמענ די ייִדישע דיאַלעקטנ אינ ברייטערנ טעריטאָריעלנ זינענ (ווי זיי זײַנענ אויכ געקומענ צומ אויסדרוק אינ דער ליטעראַטור), וועט דאָ דער לעקסישע אונטערשייד ניט זײַנ קיינ שאַרפער און קיינ באַזונדערס אויסגעשפּראָכענער (אַנדערש קענ זיכ באַקומענ באַמ אופזאַמלענ די „אידיאָטיקאָנס" פונ דער גרויסער ייִדישער „פּראָווינציע"). דערמיט מיינענ מיר אָבער קלאַל ניט צו זאָגנ, אַז ס'זײַנענ ניטאָ קיינ וועזנטלעכע לעקסישע אונטערשיידנ צווישנ די ייִדישע דיאַלעקטנ, גענומענ אפילע אינ ברייטערנ טעריטאָריעלנ זינענ. און די דאָזיקע אונטערשיידנ, ווי אויכ זייער ראָליע אינ דער סיסטעמ פונ דער אַלגעמיינער שפּראַכ, קומענ גלײַכ אופ באַמ שטעלנ די פּראָבלעמ פונ פאַריינהײַטלעכונג אָפּנ איצטיקנ עטאַפּ.

מיר קאָנענ איצט אָנגעבנ בלויז אייניקע אַלגעמיינע ריכטפּונקטנ צו דער פּראָבלעמ פונ פאַריינהײַטלעכנדיקנ רעגולירנ די צווישנווירקונג פונ דיאַלעקט און פונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ.

1. די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַכ האָט צו הײַנטיקנ טאָג איר אינ אַלגעמיינ אויסגעפורעמטנ וואָרט-פאַרמאָג. דער דאָזיקער פאַרמאָג וואַקסט און אנטוויקלט זיכ אַלצ מער אינ די נײַע באַדינגונגענ לויט די אַלגעמיינע געשיכטלעכ אופגעקומענע אייגנטימלעכקײַטנ פונ דער שפּראַכ. מיר האָבנ פריִער אָנגעמערקט די שטאַרקערע ווירקונג פונ „וואָליניש" אינעמ ליטעראַרישנ ייִדיש. געווירקט האָבנ, פאַרשטייט זיכ,

[1]) מיר רעדנ איבערהויפּט וועגנ טעריטאָריעל-דיאַלעקטאַלע אונטערשיידנ ביכלאַל גענומענ, ניט וועגנ די סאָציאַלע אונטערשיידנ אינ דער שפּראַכ און מעמילע שוינ אויכ אינעמ דיאַלעקט.

[2]) מע דאַרפ נאָר דערפונ ניט מאַכנ קיינ אויספיר, אַז ס'גילטנ ביכלאַל ניט קיינ שטאָטיש-בירגערישע דיאַלעקטנ, וואָס זײַנענ מערער אָדער ווייניקער אונטערגעשיידט צווישנ זיכ. אַזוינע אונטערשיידנ זעענ מיר אויכ אינ ייִדיש, וואָס האָט זיכ געהאַט אמאָל פאָרמירט דעריקער אָפּ דער באַזע פונ אַזוינע שטאָטיש-בירגערישע דיאַלעקטנ.